№ 28 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

לאָדזער טאַגעבלאַט

21-סטער יאהרגאנג | 1 lutego 1928 r. | מיטוואָך, י' שבט תרפ"ח | רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57, פון אַדמיניסטראַציע 67

די פּוילישע דעלעגאַטען צוריקגעקומען פון מאָסקווא

די האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען האָבען ניט געבראַכט קיין רעזולטאַט.

וואַרשע, 31 יאַנואַר (טעלעפאָניש).

נעכטען אָוונט זענען צוריקגעקומען קיין וואַרשע די פּוילישע דעלעגאַטען גאָלדשטאַדט, פּאָקשעפאַנסקי און האָלובקא, וועלכע זענען מיט 8 טעג צוריק אַרויסגעפאָהרען קיין מאָסקווע צו פירען די פּויליש-סאָוויעטישע האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען. די אונ־טערהאַנדלונגען האָבען לויט ווי עס ווערט געמעלדעט ניט געבראַכט קיין פּאָזיטיווען רעזולטאַט. קיין פאָרמאַליזירטען האַנדעלס-אָפּמאַך איז נישט געוואָרען אונטערגעשריבען. די דעלע־גאַטען האָבען אָבער מיט זיך מיטגעבראַכט די נייע פאָרשלאָגען פון די סאָוויעטען, וועלכע וועלען איצט בעטראַכט ווערען דורך דער פּוילישער רעגירונג.

פּויליש-ליטווישע אונטערהאַנדלונגען וועלען פאָרקומען אין ריגע.

ריגא, 31 יאַנואַר (פּאַט) אין די היגע פּאָליטישע קרייזען רעדט מען װעהר לעבהאַפט אַרום וועגען דעם אָרט פון די קומענדע פּויליש-ליטווישע אונטער־האַנדלונגען. דאָס, וואָס ליטע איז אַזוי שטאַרק געגען בעשטימען ריגא אַלס אָרט פון די אונטערהאַנדלונגען בעווייזט, אַז וואַלדעמאַראַס האָט נישט קיין צוטרוי צו לעטלאַנד. פאָרזיכטעגען הערט די איבערצייגונג, אַז ליטע וועט סוף כל סוף מסכים זיין אויף ריגא.

נייער אויסברוך פון וואולקאַן קראַקאַטאַו.

סינגאַפּור, 31 יאַנואַר (א.ה.) פון באַטאַוויען מעלדעט מען, אַז דער וואולקאַן קראַקאַטאַו איז ווידער געוואָרען טעטיג. פּרטים פעהלען.

מ'טרעט צו אָרגאַניזירען דעם פּויליש־ליטווישען האַנדעל.

דאַנציג, (טעלעפאָניש) אין דער נאָהענטסטער צייט וועט פאָרקומען אין דער נאָהענטסטער צייט וועט פאָרקומען אין דאַנציג א קאָנפערענץ צווישען פּוילישע און ליטווישע סוחרים מכח אָרגאַניזירען דעם פּויליש-ליטווישען האַנדעל.

ליטווישער פּראָפעסאָר ביזשיסקא

אויף אַן אַודיענץ ביים מיניסטער זאַלעסקי.

וואַרשע. (טעלעפאָניש) דער ליטווישער דעלעגאַט פּראָפעסאָר ביזשיסקא איז נעכטען אויפגענומען געוואָרען אויף אַן אַודיענץ בעם מיניסטער זאַלעסקי. די פּראָפעסאָרען פון דער פּוילישער אוניווערזיטעט האָבען פאַר דעם ליט־ווישען געלעהרטען אַראַנזשירט אַן אָוונט־אַנפאַנג.

אַטענטאַט אויפ'ן אירלענדישען פּרעזידענט.

לאָנדאָן, 31 יאַנואַר (ספּ. צום „ל.ט.") היינט האָט זיך אויסגעגליישט דער צוג, מיט וועלכען עס איז געפאָהרען דער פּרעזידענט פון אירלענדישען פרייע לאַנד. צוויי פּאַסאַזשירען זענען אומגעקומען. דער פּרעזידענט איז גאַנץ געבליבען. די מאַכט איז אין דער איבערצייגונג, אַז עס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אַן אַטענ־טאַט אויפ'ן פּרעזידענט.

פּילסודסקי'ס רעגירונג זאָל פערעפענטליכען בקרוב איהר פּראָגראַם.

וואַרשע, (טעלעפאָניש) ס'האָבען זיך פערשפּרייט קלאַנגען, וועלכע ווערען בעשטעטיגט דורך אָפיציעלע צייטונגען, אַז אין די ערשטע טעג פון חודש פעברואַר וועט די רעגירונג פערעפענטליכען א דעקלאַראַציע, אין וועלכער זי וועט ערקלע־רען איהר שטעלונג צו אַלע מלוכה-פּראָבלעמען. אַזוי אַרום וועלען קלאָר געוואָרען פאַר דער גרויסער אין וועלכער ריכטונג די רעגירונג האָט בדעה צו פיהרען איהר פּאָליטיק.

קאַמיעניעוו און זינאָוויעוו אַפּעלירען צו טראָצקי'ן, אַז ער זאָל „תשובה" טון.

מאָסקווע. (א.ה.) „פּראַוודאַ" פערעפענטליכט א בריף פון די קאָמוניסטישע „בעלי תשובה" קאַמיעניעוו און זינאָוויעוו צו טראָצקי'ן, אין וועלכען זיי אַפּעלירען צו זיין פריערדיגען פּאָליטישען גענאָסען, אַז ער זאָל נאָכגעבען אין זיינע דרכים. אזא מין בריף האָבען זיי אויך פּונקט אַרגעשיקט צו אַלע אַנ־דערע אָנפיהרערס פון דער אָפּאָזיציע.

די רוסישע מעטאַל-אַרבייטער סימפּאַטיזירען מיט טראָצקי'ן.

מאָסקווע, 31 יאַנואַר (ספּ.) אויף די מיטינגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין מעטאַל-פאַבריקען אין יעקאַטערינבורג און אין אַנדערע שטעט ביים אוראַל, זענען די אַרבייטער געווען ענערגיש אַרויסגעטרעטען פאַר טראָצקי'ן, ערקלערענדיג, אַז די רדיפות אויף אַזא גרויסען קעמפער ווי ער דאַרפען נישט דערלאָזען ווערען. די קאָמוניסטישע פאַרטיי נאָך פערקעהרט, דאָס וועט נאָך מעהר פערשטאַרקען דעם כאַאָס.

טשיטשערין פאָהרט קיין יאַפּאַן.

מאָסקווע, 30 יאַנואַר (ספּ.) אין דער צווייטער העלפט פון חודש מערץ פאָהרט טשיטשערין אַרויס קיין טאָקיאָ אונטערצושרייבען דעם סאָוויעטיש-יאַפּאַנישען האַנדעלס-אָפּמאַך.

„שטרייק" פון פּוילישע „חלוקה"-יודען אין ירושלים.

ירושלים, 31 יאַנואַר (אַטאַ) די חלוקה-יודען, וואָס שטאַמען פון פּוילען האָבען בויקאָטירט דעם משרד הכולל און זענען זיך אָב אָנצונעמען די חלוקה, וואָס איז פאַר זיי מעשטימט געוואָרען. דער ירושלים'ער ועד הרבנים האָט אַרויס־גערופען די פּאָליציי צו האַלטען אָרדנונג בעת פערטיילען די חלוקה פאַר די יודען, וואָס זענען צום „שטרייק" נישט צוגעשטאַנען.

באַהן-טאַריף ווערט נישט געהעכערט

וואַרשע (טעלעפאָניש) ווי איינער קאָרעספּאָנדענט דערוויסט זיך, זענען אַלע קלאַנגען, אַז פון 1 אַפּריל ה. י. וועט געהעכערט ווערען דער באַהן-טאַריף פאַר פּאַסאַזשירען און משא-פערקעהר, אָהן א שום גרונד. פאַקטיש האָט די רעגי־רונג בדעה געהאַט צו העכערען דעם באַהן-טאַריף פון 1 יאַנואַר 1928. דער דאָזיגער פּלאַן איז אָבער אָפּגעהאַלטען געוואָרען, ביז ס'וועט רעאָרגאַניזירט ווערען די גע־נעראַל-דירעקציע פון די מלוכה'שע באַהנען.

דורמיט זענען מיר מודיע אַלע פריינט-מיטגלידער וועגען טויט פון אנגעזעהענעם פון די גרינדער פון יודישען טורן- און ספּאָרט-פעראיין „בר-כוכבא" („מכבי") אין לאָדז

ג"ע ד"ר משה זילבערשטראַם

צו דער לויה, וואָס קומט פאַר היינט 1 אַ זייגער נאָכמ. פון טרויער-הויז וואָלטשאַנסקאַ 63, ווערען אַלע מיטגלידער אויפגעפאָדערט אַנטייל צו נעמען אין דער לויה, כדי אָפּצוגעבען דעם פערשטאָרבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואַלטונג פון „מכבי".

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין בליהענדען עלטער פון 55 יאָהר מיין ליבע פרוי, אונזער הייסגעליבטע און אונפער־געסענע מוטער, טאָכטער, שוועסטער, שוויגערין און טאַנטע

ג"ע בעלא גאָלדבאַרט

(געבוירענע נאַשעלסקא)

די לוי' קומט פאַר היינט, מיטוואָך, י' שבט תרפ"ח 11 אַ זייגער פאַרט. פון טרויער-הויז ליפּאָווע 26, וועגען וואָס ס'פעהלען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

יודישער פרויען-קלוב „ח.י.ז.א."

אַל. קאָשטשושקי 21.

היינט, מיטוואָך, 8.30 אָוו. קומט פאַר אין אונזער קלוב דער געוועהנליכער

וועכענטליכער טעע-אָוונט

בעת וועלכען ה' רעד. י. אונגער וועט געבען א פּרעסע-איבערזיכט פון דער לעצטער וואָך. אַריינגאַנג פאַר מיטגלידערינס און אַרמיטפיהרטע געסט פריי. אין קלוב ווערען צוגענומען איינשרייבונגען אויף די העברעאישע קורסען. דער קלוב איז טעטיג טעגליך פון 5 ביז 10 אין אָוונט.

P. P. Pracodawcy

i Pracownicy Umysłowi!

Z dniem 1 stycznia 1928 r. obowiązuje rozporządzenie Prezydenta Rzeczypospolitej o ubezpieczeniu pracowników umysłowych:

1) na wypadek braku pracy,
2) na wypadek niezdolności do wykonywania zawodu,
3) na starość,
4) na wypadek śmierci

i dotyczy wszelkich przedsiębiorstw i zakładów, gospodarstw rolnych i leśnych a mianowicie: inżynierów, techników, konstruktorów, kontrolerów, oficjalistów, maistrów, malarzy, rzeźbiarzy, śpiewaków, muzyków, personel teatrów, orkiestr, wytwórni filmowych, dziennikarzy, personel lekarski, dentystyczny, biurowy, kancelaryjny, telefonistów, telegrafistów, farmaceutów, drogistów, kasjerów, dysponentów, sprzedawców podróżujących, akwizytorów, sprzedawców, i ekspedjentów sklepowych, księgarskich, nauczycieli, wychowawców, kapitanów, oficerów pokładowych, maszynowych i t. d. i t. d.

Rozporządzenie Prezydenta z dn. 24.XI 19 7 r. i Rozporządzenie Minist. Pracy i Opieki Sp. z dn. 22.XII.1927 r. wyszło w „Bibljotece Praw Polskich" nakładem mojej księgarni.

Cena egz. Zł. 2.—

Księgarnia „CZYTAJ"

Włać. KAZIMIBRZ PAWLAK

Łódź, Narutowicza 2,

róg Piotrkowskiej.

Telofon 10-55. P. K. O. 60.898.

איז 6 לעקציעס

לערן איך אויס טאַנצען אַנפאַנגער די נייעסטע, מאָדערנע טענץ אין מיין פּריוואַט-וואוינונג, אויף שענקעוויטשא 15, פּראָנט ערשטער שטאָק.

מיט אַכטונג באַלעט-מייסטער

ב. לעיבאָוויטש

בעמ.: צוזאַגונגס-שעה'ן טעגליך פון 11 אַזייגער פריה ביז 10 אָוונט.

לעזט און אַבאָנירט דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט"

אַן אינטעליגענט פריילין

מיט 5 קלאַסען גימנאַזיאַל-בילדונג זוכט א פּאָסטען אַלס ערציהערין בעי אַ מין קינדער אָדער א פּאַר קינדער. שרייבט זיך צו ווענדען אויף די אַדרעס:

D. L. Szpiro, Stryków.

Dr. med. Ludwik Rapeport

P, Narutowicza 25 (דזיעלנע) Tel. 44-1

ספּעציאַליסט פאַר נירען, בלאָז- און האַרן-קראַנקהייטען

נעמט אָן פון 12—1 פאַרמ. און פון 4—8 אָוו.

Lekarz-Dentysta

P. ŻYTNICKA-KAHANOWA

wznowiła przyjęcia

Konstantynowska 9, telef. 83-53

Dr. Wołkowyski

אַלעקסאַנדרא 28 (צעגעלניאַנא 10) טעל. 37-70

ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען

נעמט אָן פון 1—2 און 4—8. פרויען פון 4—5

ספּעציעל וואַרטע-צימער.

Dr. med. L. Pikielny

ספּעציאַל-אַרצט פאַר נירען, בלאָזען און האַרן-קראַנקהייטען

Nawrot 8, tel. 19-90

צוזאַגט פון 4—7 אין אָוונט.

אַ אייגנציהערט געשעפט

(וואָס האַנדעלט מיט פּריוואַטע מיט אין קאַסע)

אין אַן גאַנץ גוטע פּלאַץ אויף גוטע בעדינגונגען איבערצוגעבען

געגען 500 דאָלאַר.

צו דערפאַהרען אין דער אַדמ. פון „לאָדזער טאַגעבלאַט"

Dr. med. H. Leichter

טאָנגסטאָווסקי 6 רוג זאַכאָדניאַ, טעל. 49-66

צאָהן-כירורג

זעגט. פון כירורגישע קראַנקהייטען פון שפּאָקעס, גיפען, דענאָם, צאָהן-אַזוטמויליקעס צוגג א.ז.ה.

נעמט אָן פון 9—11 און נאָכמ. פון 1½—5 פאַרמ.

Dr. med. A. Mazur

ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגען, נאָז און האַלז-קראַנקהייטען

ווי אויך שטום און שפּראַך-פעהלער

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

וואָלטשאַנסקאַ 65

טעלעפאָן אויך דורך פּיאָטריק. 46 טעל. 66-01

נעמט אָן פון 11½—12½ און פון 3—5 נאָכמ.

Dr. med. I. WAJNBERG

Cegielniana 47, tel. 26-02.

אינערליכע קראַנקהייטען

ספּעציאַל. פאַר לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען

עלעקטראָטעראַפּיע און קינסטליכע בערג-זון.

נעמט אָן פון 5—6 נאָכמ.

Dr Prybulski

זאַוואַדזקאַ 1 — טעלעפאָן 25-33

וענערישע, פאַר און הויט-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע

בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ - ליכט (האָר - אויספאַל) און רענטגען-שטראַהלען.

נעמט אָן פון 6 ביז — דאַמען פון 4—8 און פון 5—4

דער קלו פון קאַרנאַוואַל-פערגוניגען דאָס איז

דער מאַסקען-באַל פון די „לאָדזער פרייוויליגע פייערלעשער"

וואָס קומט פאַר היינט, ד. 1. פעברואַר אין די פּרעכטיגע זאַלען פון פילהאַרמאָניע צוזאַמען מיט די זאַלען פון רעסטאָראַן „מעטראָפּאָל"

גע'פסל'ט די ליסטע פון לינקע פ.פ.ס.

דער גורל פון דער ליסטע נומער 13 וועט בעשטימט ווערען היינט

וואַרשא. (טעלעגראַפיש) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער הויפט וואהל-קאמיסיע איז גע'פסל'ט געווארען די ליסטע נומער 16 (לינקע פ.פ.ס.) ליסטע 33 און די ליסטע פון נאַת. דעמאָקראַ-טיע.

דער גורל פון דער אונאבהענגיגער ליסטע נומער 13 וועט ערשט בעשלאָס-סען ווערען אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער הויפט וואהל קאמיסיע.

אונטער ערנסטע פראטעסט וועלען שוין אלע בעשטעטיגטע ליסטעס פער-עפענטליכט ווערען אין „מאָניטאָר פאָל-סקי".

— די קאנדידאטען ליסטע פון יודי-שען נאַציאָנאַלען בלאק פון פולע [illegible] די מינאריטעטען איז שוין געלעזען בע-שטעטיגט געווארען דורך דער הויפט-וואהל קאמיסיע פון די נאציאָ-נאלע מינאריטעטען און אריינגעשריבען געווארען אויף דער ליסטע נומער 18 אין אלע וואהל קרייזען.

— דער יודישער נאציאנאלער בלאק האט שוין צוזאמענגעשטעלט די ליס-טעס פאר גאנץ פוילען. פאר הכל וועלען פארגעשטעלט ווערען די ליסטעס פון בלאק אין 35 וואהל קרייזען.

* * *

ווי בעקאנט האט זיך פארעפענטליכט, אז דער געוועזענער סעים דעפוטאט [illegible] מען זאל זיך וויינען [illegible] העלפער האט נאך געוואלט פארשפאלטן זיין אין יאהר 1927. אנשטאט שטעלט זיך אבער ארויס, אז דער זאל ווערט געווען אין א האלבע יאהר ארום נישט בעשט-טיגט ווערען.

* * *

קאַטאָוויץ. (טעלעגראַפיש) דא איז פארגעקומען אַ'ארגאַניזאַציאָנס פער-זאמלונג פון די טאַכאַצרלאַטען, וועלכע האבען בעשלאסען ארויסצושטעלען אין אלע וואהל קרייזען און אויפער שלעזיען אייגענע קאנדידאטען ליסטעס. די מא-נאַרכיסטען האבען געגרינדעט א וואהל-קאמיטעט, אויסגעארבעט א קאנדידאַ-טען רשימה און געשאפען א וואהל פאנד.

צוזאמענפאהר פון לאקאטארע-פעראיינען הייסט זייגע מיטגלידער נישט שטימען פאר די, וואס פארטיידיגען די אינטערעסען פון די הייז-בעזיצער

(§) עהרענסטען און פון לאדזשער „לאקאטאר" געפאדערט א דעלעגאציע פון די ה"ח ד"ר מיקושעווסקי און פאר-טעניק: אויף'ן צוזאמענפאהר פון די לא-קאטארען-פעראיינען. דער ציל פון אפ-געהאלטענעם צוזאמענפאהר איז געווען דאס צוזאמענגיסען אלע פעראיינען און א לאגער פארבאנד פון די לאקאטארען. עס זענען בעהאנדעלט געווארען א רייהע פראגען, דערגעמער די האנדלונג פון די שוהל גערעכטען מיט פערגלייכען דאס דירה געלד פון הויז מיט'ן דירה געלד פון 1914, וואו ווי מרצען על פי רוב ארויס א אירמויל לטובת די הויז וואירטען און די פרייז גערעכטען, וואס וועלען די אינטערעסען אונסטאבילע בעשיצען דעם אירמויל. עס איז בעשלאסען געווארען וועגען דעם ענין זיך צו ווענ-דען צום אינערן מיניסטעריום.

א המשך דיסקוסיע האט זיך ענטוויק-עלט ארום דער פראגע וואהלען. עס איז בעשלאסען געווארען צו געבען די מיטגלידער פון די לאקאטארען פעראיי-נען פרייע הענד בעזיצער, ווי זאלען נאר שטימען פאר ליסטעס, אויף וועלכע עס געפינען זיך קאנדידאטען, וועלכע פארטרעטען די אינטערעסען פון די ווירטשאפט.

* * *

וואהל-רעפעראט ביים מאגיס-טראט טעגליך יעדען טאג.

(מ) צוהויבענדיג פון 1. פעברואר וועט דער וואהל רעפעראט ביים מאַ-גיסטראט טעטיג זיין טעגליך פון 5 ביז 11 אזייגער. דער וואהל רעפעראט גע-פינט זיך אויף פעטריקאווער 14, פלאץ 4, טיר שטאם. טעלעפאן 13—29.

* * *

(נ) דער פאריזישער וואהל קאמיטעט אין לאדז וועט דעם קומענדיגען מיטוואך איינצוארדנען אין „פילהארמאניע" אַ'פ-פענטליכען „משפט" איבער די צוויי יודישע נאציאנאלע וואהל בלאקען. די „בעשולדיגטע רעדע" וועט האלטען דער ווארשאווער פאריזישער דעפוטאט העברוס עהרליך.

פאליטישער מארד אין ווארשא.

וואַרשא. (טעלעגראַפיש) נעכטען אווענד זענען 3 פוילישע ארבייטער גע-גאנגען אויף דער ווילענסקא גאס אין פראגע און צווישען זיך גע'ריבעט געשמועסט. פלוצלינג האט איינער פון די ארויסגעגאנגען א רעוואָלווער און אויסשיסענדיג צו איינעם פון זיינע חברים: זיי האבען אים געטראפען אין בויך. ער איז אוועק גע'פאלען טויט. דער מארד איז הערכיה-וואהרשיינליך אויסגעפיהרט געווארען פאר פאליטישער נקמה-אקט.

יודישע בעאמטע אין דער קראנקען-קאסע.

(נ) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון דער קראנקען-קאסע-פערוואלטונג האט פערזיצער קאלושינסקי מיטגעטיילט, אז צו איהם האט זיך געווענדעט א דעלע-גאציע פון יודישע פערזיכערטע מיט דער בקשה צו בעשטימען אין די אמבו-לאטאריעס פון דער קראנקען-קאסע יו-דישע בעאמטע וואס זאלען זיך פער-שטענדיגען מיט די יודישע פערזי-כערטע אויף יודיש. ער האט דער דע-לעגאציע צוגעזאגט די פראגע צו ער-לעדיגען אויף דער נעקסטער זיצונג.

דער ענין האט ארויסגערופען א לע-בעדיגע דעבאטע, און לסוף איז בעשלאָסען געווארען צוצונעמען אין די קראנקען-קאסע-אמבולאטאריעס אויף פיעטריקאווער 17 און אין באלוט (לא-געוויניצקא-גאס) צוויי יודישע בעאמטע, וואס וועלען רעדען מיט יודען—יודיש. אין די נעהענטסטע טעג וועט די זאך רעאליזירט ווערען.

אדוואקאט האזמאקל-אסטראווסקי וועט פערטיידיגען רידזעווסקי'ן אין אפעלאציע-געריכט.

(:) דער צום טויט פערמשפט'ער גאוושוטימערושל רידזעווסקי, וואס זיצט אין דער תפיסה אויף קאפערניק גאס, האט בעקומען א קאפיע פון אורטייל מיט די מאטיווען. דער פערמשפט'ער און זיינע פערוואנדטע וועלען, רעכט צום סוף פון נאמען פון פערמשפט'ער דער לאדזשער אדוואקאט האזמאקל צו פעראורטיילען, וואס וועט רידזעווסקי'ן פער-טיידיגען אין אפעלאציע געריכט אין ווארשא.

חידער א באנדיט-אנפאל אין א געוועלב.

דער געהיימניספולער באנדיט אין פערשוואונדען.

(:) מאנטאג 8 אזייגער אוונט איז פאר לאזיאל געוועלב פון וואלף בלויפארב (קאמינא 31) ארויך דער הגעגער פאר פון א יונגער מענש. און געוועלב האט זיך געפונען בלויפארב'ס 15 יעה-ריגער זוהן חיים. דער אנבעקאנטער האט ארויסגענומען פון קעשענע א רעוואל-ווער און געפאדערט דעם יונגעל, וואו עס ליגט דאס געלט. דער דערשראקענער בחור האט אנגעוויזען אויפ'ן שופלאד. פון וועלכען דער אנפאלער האט ארויס-גענומען 14 זל. קליינגעלד. רעדנער האט ער נאך צוגעזאגט 3 פאטראנען, עטן און א געווער, ארויסגעכאפט ד'ער און פערשווינדעט אין גאס, דערהערענדיג דעם יונגעל מאכען טויט, אויב ער וועט רופען הילף.

לויט די סימנים, וואס דאס יונגעל גיט צו, איז דאס דער וועלכער באנ-דיט, וואס האט אויסגעהאלטען די רויב אנפאלען און וואַרשעווער ניע. וועלכער אויף גאנצען זאל און אין שטאָ-טאק'ס סקלאד אויפשטעלען אויף פערני-מאַוער גאס.

פריווילעגיעס פאר זשורנאליסטען אין ארץ-ישראל.

ירושלים. (ימא) ווי מען מעלדעט, איז דער געגעראל פערקערם-דירעקטאר פון דער ארץ ישראל רעגירונג גענייגט צו געבען די זשורנאליסטען די פריווילעגיע פון אומזיסטע רייזעס מיט דער באהן, ערשטע קלאס, אוכער'ן גאַנצען לאַנד.

די רעפארם פון שטייער-סיסטעם אין א"י.

ירושלים. (ימא) די ארץ ישראל-רעגירונג האט פערעפענטליכט א פער-ארדנונג, וואס שאפט אב דעם אלטען אַסמאַנישען שטייער-סיסטעם פון אונ-בעוועגליכע גיטער. אנשטאט דעם ווערט איינגעפיהרט א נייער סיסטעם פון שטייער, וואס וועט נישט איבערשטייגען 12½% פון די ריינע יעהרליכע הכ-נסות פון די הייזער, ארער לאנדווירט-שאפטליכע גיטער.

אַנ'אקציע פון „ארט-און-עמיגדירעקט" אין אינדיע אויסטראליע און ניי-זעעלאנד.

בערלין. (ימא) דער מיטגליד פון דער צענטראל פערוואלטונג פון פער-באנד „אזע", אינזש. ס. י. יאקאבי איז אפגעפאהרען די טעג אויף א רייזע קיין אינדיע, אויסטראליע און ניי זעעלאנד צו ענטוויקלען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג אין די ראיאנען לעבהאפטע אַנ'אקציע לטובת דעם אויפבוי ווערק צווישען די יודען פון מזרח אייראפא.

אינזש. יאקאבי איז אין רוסלאנד גע-ווען דער איניציאטאר אין ארגאניזאַ-טאר פון דער אנטעראטישען יודישער יעלבסטשוץ אפטיילונג „דרושמאנג". און די יאהרען 1918—1920 האבען די מיט-גלידער פון דער דאזיגער אפטיילונג אונטער דער אנפיהרונג פון אינזש. יאַ-קאבי פערטיידיגט מיט ערפאלג ארעם געגענד די אנגריפען פון פערשידענע פאג-ראם באנדעס.

ה' יאקאבי האט א געוויסע צייט גע-ארבייט אויך אין די רוטענבערג ווערק אין ארץ ישראל.

געהעכערט דעם קאמונאלען שטייער פון הייזער מיט גרעסערע דירות.

(נ) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון לאדזשער מאגיסטראט איז אנגענומען גע-ווארען דער פארשלאג פון דער שטייער-אפטיילונג מיט מאגיסטראט בנוגע ער-הערען די הויך פון קאמונאלען שטייער פון הייזער.

לויט דעם דאזיגען בעשלוס וועלען אלע געוויסע ארביים'ער הייזער (מיט גרויסע דירות), וואס זייער דירה געלד איז נישט העכער פון 50 פראצענט פון פאר מלחמה'דיגען דירה געלד אין די אינטעגראלן פון אזא הויז שטייגט נישט איבער די סומע פון 2000 זל. א יאהר, וועט דער שטייער לטובת דער שטאט (א הויז דעם מלוכה'שען שטייער) זיין אין דער הויך פון 25 פראצ. פון'ם מלו-כה'שען שטייער; פאר הייזער, וואס זייער יעהרליכע איינקונפטען ווענט זיך צווישען 2000 און 4000 זל. — 35 פראצ.; פון 4000 זל. און ווייטער — 60 פראצ. פאר די הייזער, וואס זייער דירה געלד גרייכט ביז 100 פראצ. פון'ם פאר מלחמה'דיגען דירה געלד, וועט דער קאמונאלער שטייער בעטרע-פען גאנצע 100 פראצ. פון דעם מלוכה'-שען שטייער פון אונבעוועגליכע גיטער.

אונגעהויערער אינטערעס צו גימפעל'ס קאנצערט.

פראגראמען ווערען, דער יודישער וואלטבעריהמטער קינסטלער, דער 17 יעהריגער פידלער, וואס האט זוכה געווען צו שפי-לען פאר מלכים און מלוכה טוער קענען לאדז אויף אין אוגציאנגען קאנ-צערט דעם קומענדיגען מיטוואך. דאס יודישע פובליקום און ווארשא האט אפ-געגעבען אזא כבוד דעם הויך מאגעטער. זיין קאנצערט און ווארשא און פאר-געפונען בין אַנ'איבערפולטען זאל. די גאנצע ווארשאווער פרעסע, סיי די יודי-שע און סיי די פוילישע, האט פאר-עפענטליכט בעגייסטערטע ליוב געזאנ-גען וועגען גימפעל'ן.

200 בילדער שטעלען אויס די לאד-זשער קינסטלער אין „הזמיר".

די הכנות צו דער פיערליכער עפענונג פון דער שטענדיגער בילדער אויסשטעלונג און „הזמיר", וועלכע קומט פאר דעם דינסטאג 5 טאג-מיטאג, זענען שוין פארענדיגט. דער „הזמיר"-זאל, פילשטענדיג בעזעצט, און פערוואנדעלט געווארען אין א הערליכען סאַלאָן. די קינסטלער טרעטענדיש, בערמאן, שפיגעל, פינקלשטיין און הירשבערג האבען אויסגעוועהלט די שענסטע בילד-ער, וואס זיי פערמאגען און זיי אויס-געשטעלט און א צאהל פון 200.

די פארמערעליע און פערשידענער, פיינע בילדער אויסשטעלונג און „הזמיר" זאגט צו צו זיין א געשהעניש און יעדי-שען פילמער לעבען פון אונזער שטאט.

די, וואס האבען זיך נישט געשטעלט צו די ראַ-טראל-פערזאמלונג וועלען דורך פאליציי געבראכט ווערען אין פ.ר.או.

(א) נעכטען האט די פאליציי בעקו-מען א נייע רשימה פון די פערזאנען, וואס האבען זיך נישט געשטעלט צו די קאנטראל פערזאמלונגען. די דאזיגע פער-זאנען וועלען בגוואלד געבראכט ווערען אין פ.ק.או.

נישט ביז וויז פאר ערלויבען נאך אויך פאר טייכען בראנפען אין דער צייט פון די וואהלען וועט מען שטרענג בעשטראפען ווערען.

(§) וואיעוואדא יאשטשאלט האט נעכטען ארויסגעגעבען א בעראָרדנונג לויט וועלכער עס איז פערבאטען צו פער-קויפען און אויך צו נוצען אלקאהאל פון 6 אזייגער דעם 27. פעברואר ביז 10 פריה דעם 5. מערץ 1928 און אויך פון 6 אזייגער דעם 7. מערץ ביז 10 פ"ה דעם 5. מערץ 1928 און אויך פון 6 אזייגער דעם 7. מערץ ביז 10 פריה דעם 12. מערץ 1928. פ"ר נישט אפהיטען די פעראָרדנונג דראָהט א שטראף ביז 1000 זל. אדער ארעסט ביז 3 חדשים. אדער אויך ביידע שטראפען צוזאמען א חוץ דעם קען אויך ביי דעם פערקוי-פער אפגענומען ווערען די קאנצעסיע.

„כוכבי".

דערמיט פאדערן מיר אויף אלע אק-טיווע און פאסיווע מיטגלידער פון „כוכבי" (נעח. „בר-כוכבא" אין „הכח") אבצוגע-בען דעם לעצטען טבוד און מאסענווייז אנטייל צו נעמען אין דער לויה פון גרינדער און לאנגיעהריגען מיטגליד פון פעראיין „בר-כוכבא" ד"ר מ. זילבער-שטראם ז"ל. די לויה קומט פאר היינט מיטוואך 1 א זייגער פון טרויער-הויז חוכבאדניא 65.

די פערוואלטונג. 451

פון „החי"ץ המרכזי".

אלע מיטגלידער ווערן אויפגעפאדערט זיך צו פערזאמלען היינט פינקטליך 1 זייגער ביים הויז חוכבאדניא № 65 כדי אנטייל צו נעהמען אין דער לויה פון דעם איבערגעגעבענעם ציוניסט ד"ר מ. זילבערשטראם ז"ל. דער ועד.



„ארט"
זאכאָדניא 43.
ארטיסטישער רעזי און קאמער-מעבעל-
אונטער דער לייטונג מ. בראַדערזאָן

היינט מיטוואך
ווערט נישט געשפילט

מארגען דאָנערשטאג
ווידערהאָלונג פון 4. פראגראם א. נ.

„סאלאם
אלייכום"

ביליעטען צו בעקומען יעדן טאג, אויסער ש"ב
שבת 10 ביז 1 א זייגער.

ווי א ביי איז האלז שטעהט וואיעוואדזקי'ן די סובסידיעס פון מאגיסטראט פאר'ן יודישן שול-וועזען איז לאדז.

(נ) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון שטאט ראט האט זיך ענטוויקעלט א המשך דעבאטע וועגען די יודישע פאלקס-שולען, וועגען וועלכע עס איז שוין געפרעגט דער עסק פרעזידענט וואיע-וואדזקי, וועמען די דאזיגע יודישע ער-ציהונגס אינסטיטוציעס זענען ווי א ביין אין האלז.

א שארפען ענטפער בעקומט ה' וואיע-וואדזקי פון ראטמ. לוטאמערשטיין, וועל-כער ווייזט אן, אז די יודישע פאלקס-שולען, וועגען וועלכע ה' וואיעוואדזקי רעדט מיט אזא פערביטערונג, האבען זיך געבויט שטאָנדיג קונה שם געווען פאר די נרשטאַנע פאטריאטיזם פון דער אויסערגעוועהנליכער פערפאלגונג, וועל-כע האבען זיך ענטוויקעלט מיט דער יודי-שער שול אויסשטעלונג און לאמבערגא. נאך רעמאגאציע קאנען זאגען, אז אזעל-כע שולען, ווי עס זענען די יודישע פאלקס-שולען, דארף מען נישט קומען צו הילף.

ראטמ. וואיעוואדזקי בעקומט אויך אן ענטפער פון מיטגליד פרעזידענט ד"ר איילענבערג.

אבגעשטעלט זיך די קושמערע פון דער יודישער וועלטליכער שול, וואס איז „ארבייטס געריכטען" געווארען דורך ה' וואיעוואדזקי, האט דער וויצע פרעזידענט געזאגט, אז דאס בעקאנטע סוכמעם פון ה' וואַ-יעוואדזקי'ס רעדעס וועט קיינער נישט נעמען ערנסט והא ראיה, בעת ה' וואיעוואדזקי וויל ארבייט פלומרשט שאַנע... ווען דעם פאלקס גראשען, וויל שם האט רעגען זיך זאגען מיט יודישע סאציאליסטישע שולען, מיט פארוואס האט ער דאס גע'זאגט, וואס ער אלס פרעזידענט, אלס וויצע פרעזידענט, נישט פרעזידענט געבען זיך צו דער ... ווערען אין מאגיסטראט פאזא?

ראטמ. האלצערדעסקי וואינדערט זיך שטארק, וואס ה' וואיעוואדזקי האט זיך נישט בעשעמט צו בעווייזען זיך אויף דער טריבונע און ארויסזוגעען א כוונה צו וועלען פארשטעהן זיין שאַ-ווינסטישע פאליטיק פון אמאל. ער גוס אויס פאר די העכער צולוב'ן טשעפען זיך צו די יודישע ערציהונגס אנשטאַל-טען. אויך לאוונער ד"ר סאמטשעווסקי נעמט אנטייל און דער יודישער שול-רעפערענץ און פארטיידיגט די יודישע שולען, און פארלאנגט א גלייכבערעכטיגונג אין בודזשעט.

בודזשעט פאר די יודישע שול-וועזען קאָן זיין נאר [illegible]. ראטמ. וואשקעוויטש פערטיידיגט זיין אגיטאציע קעגען וואיעוואדזקי און פערעהרט אויס, אז געבעטען אין דער אלטער נאמען. אויב ער האט גענומען אויסגעבען אנטישטעמפעלען פון בודזשעט, האט ער נישט געהאט קיין אנרעכט בארירה. ער האט גענויגט, אז דאס המכצבונג פון יודישען יאהר וועט אויך בעוואנגען גרויס פלעגן און אנטשטימען, און וועט ער וויסען, וועט ער דאס דערציילען.

ער וועט דאס אוועקשטעלען דעם סעי-קען מיט'ן צוויי טעג צו געווענדעט צו דער אונזיכערער מערהייט.

דער ענדע פאדיקאלער האט פאר-געוואָרפען דעם „ביתר" לכאורה און פאר-לשעבונא ווערט נע'רופט יודישע, פאר פארוואס זאל מען די רעגירונג שפראך צעלערנען ביי אונז, און פוילען. צוליב דעם זאגט ער אז א קאמפף דעם וואה-לען פון „ביתר", וועלכער בעקעמפט ביי אונז די פוילישע שפראך.

ראטמ. לוטמערשטיין פראטעסטירט געגען אזא אינזונואציע אויסמערקזאמען די שטעלונג פון „ביתר" צו יודיש און פויליש.

דערמיט ווערט פערענדיגט די שול-דעבאטע. ביי דער אבשטימונג געהט דורך דער מאגיסטראט בעשלוס מיט די שטיצען פון די סאציאליסטען, דעמאָ-קראטישע און פאלקיסט.

גאז אין לאדז איז טייערער ווי אין ווארשא און פאזנאַ.

וואיעוואדזקא נישט מסכים צו העכערען די פרייזען פון גאז.

(§) אין צוזאמענשטעל פ. י. האט דער מאגיסטראט זיך געוואנדט צום נושפערם צו דער וואיעוואדזקא פארצושטעלען פאר'ן אינערן מיניסטעריום דעם בעשלוס צו העכערן דעם פרייז פון גאז מיט 10 פראצ., וואס איז ארויסגערופען געווארען צוליב דער 15 פראצ. לויזן הע-כערונג פון די גאזאווניע ארבייטער.

די טעג האט די וואיעוואדזקא צו-געשיקט אַנ'ענטפער דעם מאגיסטראט, אז דער בעשלוס פון מאגיסטראט קאן נישט צוגעשיקט ווערען דעם אינערן מי-ניסטעריום צוליב דעם, וואס דער שטאט ראט האט די העכערונג נישט בע-שלאסען.

און ענטפער ווערט אויך געזאגט, אז דער רעליציע פון דער וואיעוואדזקא איז דורך גאמיסלאפוען האט אויסגע-פארשט דעם מצב און דער גאזאווניע און עס שטעלט זיך ארויס, אז דער פרייז פון גאז אין לאדז איז טייערער, ווי אין ווארשא און פויזען. די וואיע-וואדזקא וואנדעט זיך דערביבער צום מאגיסטראט מכח שאפען א ספעציעלע קאמיסיע, וואס זאל אויספארשען דעם מצב און נאכפרעגען מיטלען, ווי אזוי צו רעגולירען די גאזאווניע, אז זי זאל נאר אליין קאנען אויסהאלטען.

לאָדזשער טאָגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר זעהט-אָהן פון 6 ביז 7 אין אָוונט.
ניט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען ניט צוריקגעשיקט.

רעדאַקציע: „Lodzer Tageblatt", Łódź, Piotrkowska 16, Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57, אדמיניסטראַציע 47.

שטרעזעמאַנ'ס עקספּאָזע.

ה' שטרעזעמאַן האָט היינטיגען מאָנטאג אין רייכסטאַג געהאַלטען אַן עקספּאָזע, אויף וועלכען עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלען. דער דייטשער אויסערן-מיניסטער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויך אויף די האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען, וואָס ווערען איצט געפיהרט צווישען דייטשלאַנד און פּוילען.

ווי בעוואוסט זענען די דייטשע אַגראַריער געגען שליסען א האַנדעלס-אָפּמאַך מיט פּוילען, ווייל זיי האָבען מורא, אַז נאָכ'ן שליסען דעם אָפּמאַך וועלען זיי ניט קענען נעהמען אזעלכע הויכע פּרייזען פאר זייערע לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, וועלכע פּוילען וועט ליפערען ביליגער. דער לאַנד-בונד אין פּאַרלאַמענט האָט דעריבער זיך ארויסגעזאָגט געגען שליסען א האַנדעלס-אָפּמאַך מיט פּוילען. די גרויס-אַגראַריער פיהרען אין גאַנץ דייטשלאַנד א קאַמפּאַניע ניט צו דערלאָזען, אַז דער האַנדעלס-אָפּמאַך זאָל צושטאַנד קומען.

מיניסטער שטרעזעמאַן האָט דעריבער זיך גענויטיגט געזעהן צו ערקלערען אין נאָמען פון דער דייטשער רעגירונג, אַז זי איז דורכאויס פאר'ן שליסען אזא אָפּמאַך. „א האַנדעלס-אָפּמאַך איז ניט קיין מתנה, וואָס איין מלוכה שענקט דער צווייטער", האָט שטרעזעמאַן ערקלערט ביי א פולשטענדיגער צושטימונג פון גאַנצען רייכסטאַג. „פאר אונז שפּילט דער פּוילישער מאַרק א וויכטיגע בעדייטונג, פּונקט ווי פאר פּוילען דער דייטשער מאַרק". שטרעזעמאַן האָט ווייטער אָנגעוויזען — און גאַנץ ריכטיג — אַז די קאַמפּאַניע, וואָס ווערט געפיהרט געגען די פּויליש-דייטשע האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען בעשווערען נאָר צו דערפיהרען די דאָזיגע צו א גינסטיגען רעזולטאַט.

פון שטרעזעמאַנ'ס רעדע איז צו זעהן, אַז דייטשלאַנד וויל, אַז די האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען מיט פּוילען זאָלען וואָס גיכער ברענגען פּאָזיטיווע פּירות. די קרייזען פון די אגראַריער, וואָס זעהען אויסער זייערע אייגענע, עגאָאיסטישע אינטערעסען, האָט נישט געפינען קיין אונטערשטיצונג ביי קיין שום רעגירונג. אפילו די דייטש-נאַציאָנאַלע, וואָס האָבען זעהר פיל מיטגלידער אַגראַריער, וואָלטען ניט געוואָלט אַרויסטרעטען אויף די זיצונגען פון מיניסטערען-קאַבינעט און אין פּאַרלאַמענט געגען די דאָזיגע אונטערהאַנדלונגען, הגם אין זייער פּרעסע און אויסער די מויערן פון פּאַרלאַמענט האָבען זיי ארויס א שטאַרקע אונצופרידענהייט מיט'ן גאַנצען פערלויף פון די פּויליש-דייטשע אונטערהאַנדלונגען.

מ'קען דעריבער גאַנץ דרייסט רעכענען, אַז דייטשלאַנד וועט נישט שטעלען קיין שום ערנסטע מניעות, וואָס זאָלען בעשווערען דעם גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען.

שטרעזעמאַן האָט אָבער אויך געריידט מכח פּוילען אין אַן אַנדער פראַגע, וואָס האָט א וויכטיגע פּאָליטישע בעדייטונג. רעדענדיג וועגען דעם דייטש-ליטווישען אָפּמאַך, וואָס איז נאָר-וואָס אונטערשריבען געוואָרען, האָט דער דייטשער אויסערן-מיניסטער ערקלערט, אַז די בעציהונגען פון דער פּוילישער פּרעסע צוליב דעם דאָזיגען אָפּמאַך איז לחלוטין אונבעגרינדעט. דערביי האָט שטרעזעמאַן זיך אָנגערופען אויפ'ן פאַקט, אַז בעת דער פעלקער-בונד האָט אויף זיין לעצטער זיצונג בעהאַנדעלט דעם פּויליש-ליטווישען קאָנפליקט, האָט דייטשלאַנד זיך בעמיהט צוצוהעלפען צו ליקווידירען דעם סכסוך. אין דעם פּרט — האָט שטרעזעמאַן געזאָגט — האָבען מיר נישט געענדערט אונזער ליניע און דאָס האָבען מיר ערקלערט וואַלדעמאַראַס'ן בעת זיין וויזיט אין בערלין".

ר'איז שווער פון דער דאָזיגער ערקלערונג צו דרינגען, אַז דייטשלאַנד זאָל זיך בעטראַכטען פאַר ליטא'ס א פערבינדעטען, וואָס איז מחויב צו שטיצען אַלע איהרע פּרעטענזיעס לגבי פּוילען.

בן-משה.

נומערוס קלאַוזוס.

א מערקווירדיג מעשה'לע.

וועגען „נומערוס קלאַוזוס" אין אונגאַרן דערציילט מען אין א דייטש צייטונג א שעהנע מעשה'לע. קאָמיש, צום בעדויערן, זעהר א טרויעריגע.

די מעשה'לע ווערט אזוי איבערגעגעבען:

א זיבעצעהן יעהריגער יונגעל, א יונגסטער זוהן פון א רייכען סוחר, א קריסט, איז געקומען צו זיין פאַטער און געזאָגט, אַז ער וויל מאַכען א תכלית דורך שטודירען אין אַן אוניווערזיטעט. דער פאַטער איז געווען געגען דעם און ער האָט דעם יונגעל פּרובירט אָפּרעדען דערפון.

— מיין קינד — האָט דער פאַטער געזאָגט — פון'ם תכלית פון אוניווערזיטעט-בילדונג האָב איך קיין נחת נישט. די ווייסט אזוי גוט, ווי איך, וואָס פון דיינע דריי עלטערע ברידער, וואָס האָבען שטודירט און אויסשטודירט, איז געוואָרען. איינער האָט שטודירט אכט יאָהר צייט, האָט אויסשטודירט יוריסט, האָט נאָכהער פערשפּילט געלדער פון זיינע קליענטען און האָט געמוזט אנטלויפען קיין אמעריקא. דער צווייטער האָט אויסשטודירט אינזשעניער, דינט ער איצט אַלס אזעלכער אין דער אַרמעע און איז שטענדיג פערהונגערט אין דער פרעמד. דער דריטער האָט אויסשטודירט מעדיצין, איז געוואָרען א דאָקטאָר און האָט פון דער פּראַקטיק בעקומען בלוט-פערגיפטונג און איז געשטאָרבען. דו, מיין זוהן, ביזט מיין איינציגער טרייסט און אויף דיר לעג איך האָפנונג, אַז דו וועסט פערבלייבען מיט מיר דאָ אין דערהיים. דעריבער בעט איך דיך, גיב אויף די אידעע פון אוניווערזיטעט און איך וועל פאַר דיר געפינען א בעסערען תכלית.

— ניין — האָט זיך דאָס יונגעל איינגעשפּאַרט — קיין זאַך וועט מיך פון מיין פערלאַנג נישט אָפּווענדען, אָט אַזוי איז דאָס און אַזוי מוז דאָס זיין, איך גיה אין אוניווערזיטעט!

— איך זאָג, אַז נישט! — איז שוין דער פאַטער בייז געוואָרען און אָנגעהויבען קלאַפּען אין טיש.

— פאַטער — האָט דאָס יונגעל געענטפערט — עס וועט דיר גאָר נישט העלפען. איך וועל יאָ געהן שטודירען.

— עס וועט שוין גאָר נישט העלפען, דו וועסט אין אוניווערזיטעט נישט געהן.

— ווי אַזוי וועסטו דאָס מאַכען?

— דו וועסט שוין זעהן.

דערביי זענען פאַטער און זוהן זיך צוגאַנגען ברוגז'ע.

אויף מאָרגען איז דער פאַטער אוועק צום ראַבינער און אָנגענומען דעם יודישען גלויבען...

אַלס יוד האָט דער יונגער קריסט שוין נישט געקענט אַנקומען אין אוניווערזיטעט...

די נייע עקספּערימענטען אין דער לאָדזשער אינדוסטריע.

פון מאג. ש. בוניק.

אין לאָדזשער וועלכע שמועסט מען, אַז די גרויס אינדוסטריעלער פון דער טעקסטיל-בראַנזשע האָבען איינגענומען די ... און אויף אַלע פראַגען, וואָס זענען נוגע די אינדוסטריע. בעיקר האָט עס געהאַנדעלט זיך צו א פערשטענדיגונג צווישען די גרויס פון דער פּראָדוקציע און פון דער בוימוואָל-בראַנזשע, סיי דער פּרייזען-פּאָליטיק א. א. וו.

און איינער איז שוין פון לאַנג איינגעפיהרט די מיינונג, אַז נאָר אין דער געמיינזאַמער פערשטענדיגונג פון די בעזונדערע ווירטשאַפטליכע צווייגען ליגט דער געמיינזאַמער אינטערעסט. אויף דעם יסוד האָט זיך געשאַפען א גאַנצע רייהע קאַרטעלען, סינדיקאַטען, טרוסטען א.ד.גל. אין פּוילען, דאַגעגען, איז עס פּונקט צושטאַנד געקומען אין דער בערג-אינדוסטריע, נאָך די טעקסטיל-אינדוסטריע, לאָמיר זאָגן, איז א הויפּט-וויכטיגער טייל פון דער פּוילישער ווירטשאַפט, האָבען וועגען דעם אפילו נישט געחלומ'ט ביז אַהער.

איצט פּרובט מען מאַכען אין דער הינזיכט א שריט ווייטער.

צי איז נויטיג א פערשטענדיגונג אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע? כדי צו ענטפערען אויף דער פראַגע, איז נויטיג זיך נעהנטער צו בעקענען מיט דער ענטשטעהונג און ענטוויקלונג פון אונזער אינדוסטריע אין די פערהעלטנישען פאַר דער מלחמה און איצט. מיר וועלען זעהן, אַז אויך פאַר'ן קריג האָבען עקזיסטירט אַלע בעדינגונגען, וואָס עס פאָדערן זיך פאַר א געזונדער אינדוסטריע, וועגען איצט איינציגע פון זיי אויסגעפאַלען און דאָס האָט גורם געווען צו א שאַרפען ווענדפּונקט אין דער גאַנצער פּראָדוקציע. די דאָזיגע נישט-נאָרמאַלע ווירטשאַפטליכע ערשיינונג קען מען ערקלערען נאָר דורך א פלאַן'דיגער טאַקטיק פון די אינדוסטריעלער.

דאָס „פּוילישע מאַנטשעסטער" איז איינגעוואַקסען א דאַנק דעם, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט נישט פערמאָגט די עקאָנאָמישע בעדינגונגען אויפצושטעלען ביי זיך א גרויסע טעקסטיל-אינדוסטריע. מען האָט בלית ברירה געמוזט אָנקומען צו די אייראָפּעאישע פּראָדוקציע, נעהנטער צו מערב, און דאָ שאַפען א „היימישע" אינדוסטריע. ... דער רוסישער רעגירונג איז ... אַז די פּוילישע פּראָדוקציע וועלען זיך אַנטוויקלען. און אויב נאָך דעם אַלעם, האָט די רוסישע מאַכט זיך בעמיהט דאָ צו שאַפען פּאָליטישע בעדינגונגען פאַר דער צוגאַנגענדער לאָדזשער אינדוסטריע מיט ניעדריגע אימפּאָרט-צאָלען, בעשיצענדע צאָלען און אַנדערע אַפּצאָלען, מיט געשאַפען שוץ-צאָלען א. אַ. וו. איז דאָס געשעהן פּשוט דערפאַר, ווייל דאָס היימישע פאַבריצירטע פּוילישע רוסלאַנד האָט זיך גענויטיגט אין זעהר פיל טעקסטיל-סחורות.

רוסלאַנד האָט צו זיך ענטוויקעלט א שטאַרקע בוימוואָל-פּראָדוקציע, ווייל עס האָט זיך געשאַפען צווישען 10—15 פּראָצענט פון דער גאַנצער וועלט-פּראָדוקציע. אין יאָהר 1910 האָט זי בעאַרבייט קרוב 2 מיליאָן מיט 200 טויזענד באַלען, וואָס האָט בעטראָפען 16 פּראָצענט פון דער וועלט-ווירטשאַפט. זי האָט אָבער נישט געקאָנט שאַפען קיין אומגעהייער געזונטע אינדוסטריע-צענטער. אמת, צווישען רוסלאַנד און קאָנגרעס-פּוילען איז פון לאַנג שטענדיג געווען א געמיינזאַמער אויסטויש פון סחורות, פּונקט, ווי מיר פלעגען עקספּאָרטירען קיין רוסלאַנד, אַזוי פלעגט רוסלאַנד עקספּאָרטירען צו אונז, אָבער נאָך אַלעמען פלעגט קאָנגרעס-פּוילען אַרויס פון דעם אויסטויש מיט א אַקטיווער באַלאַנס פון קרוב 100 מיליאָן דאָלאַר יעהרליך.

דער מצב האָט זיך אָבער איצט גענצליך געענדערט. פאַר דער מלחמה האָט קאָנגרעס-פּוילען אַליין עקספּאָרטירט קיין רוסלאַנד, לויט אויסרעכנונגען פון בעקאַנטע עקאָנאָמיסטען, בלויז טעקסטיל-שטאָפען פאַר קרוב 250 מיל. דאָלאַר, איצט דאַגעגען בעטראָגט אונזער גאַנצער עקספּאָרט אין זיין פערנעם נישט קיין גאַנצע 300 מיליאָן דאָלאַר, דערפון טעקסטיל-סחורות בלויז פאַר 17 מיליאָן דאָלאַר. עס האָט אויך געבליהט די לאַנפּאַבריקאַציע-בראַנזשע, וועלכע פלעגט איינשליסען גרויסע סומעס שטאָפען. איצט אָבער איז די דאָזיגע בראַנזשע אין זעהר קלעגליכען צושטאַנד, דער אַרויספיהר בעטראָגט נים מיהר ווי דריי פערטעל מיליאָן דאָלאַר און די פּראָדוקציע איז געפאַלען אויף 70 פּראָצענט.

דערצו איז די לעצטע יאָהרען אַרויסגעטרעטען א גרויסע און שנעלע אויפשטייגונג אין דער אינדוסטריע. די פּראָדוקציע איז שטאַרק געוואַקסען. דער אינלענדישער מאַרק איז פערפלייצט פון סחורות אין א צאָל, וואָס שטייגט ווייט איבער די נאַטירליכע אַקטועלע בעדערפענישען.

דאָס אַלץ איז בפרט די שטאַרק בעגרענצטע און דער נאָך מלחמה צייט איינגענומענהייט פון אונזער אינלענדישען קאָנסומענט האָט געמוזט ברענגען צו אַן איבער-פּראָדוקציע מיט אַלע איהרע טרויעריגע פאָלגען.

און דאָס איז נישט קיין צייטווייליגע פערבייגעהענדע ערשיינונג, ווייל עס פליסט אַרויס אָרגאַניש פון דער פינאַנציעלער לאַגע פון דער רוסישער מלוכה און וואָס מען איז געבליבען אָנגעוויזען אויפ'ן א.נ. עריליכען פערבראַוך. נאָך איינצעלנע האָבען די מעגליכקייט אויסצוניצען דעם רוסישען אָפּזאַץ-מאַרק, פאַר'ן כלל אָבער עקזיסטירט ער נים.

דערנאָכער איז געווען פערשטענדליך דער אונטערנעהם, וואָס עס האָבען אַרויסגערופען די קלאַגען וועגען די „רעפּאַראַציען" אין דער אינדוסטריע, וואָס האָבען געזאָלט עפענען פאַר איהר א נייעם „שרא".

דערווייל איז פון די אַלע פלענער גאָרנישט געוואָרען.

אין קלענער גערעדט איז אָבער שוין צו פערצייכענען. דאָס איז די „פּרייזען-פערשטענדיגונג", וואָס איז לעצטענס צושטאַנד געקומען צווישען א רייהע גרויס אינדוסטריעלער. א פּרייזען-פּאָליטיק האָט זעהר פיל צו זאָגען אין די מערב-לענדער. מיר אָבער זעהען ווייט לכתחלה צו בויען הרים וגבעות. מיר ווילען אויך נישט מקדים זיין דעם לויף פון די געשעהענישען און פאָראויס מבטל מאַכען דאָס נוצען, ווייל נאָך אַלע חסרונות, וועלכע די פערשטענדיגונג בעזיצט, איז זי דאָך נאָר א התחלה און אַלס אַזעלכע פּראַקטיצירען מיר זי.

אמת, זי נעמט אַרום נאָר א קליינע קאַטעגאָריע טעקסטיל-שטאָפען, זי זעהט נישט פאָר קיין דירעקטיווען פאַר דער העכערונג פון די פּרייזען, אָבער דער פאַרגעזעהענער טערמין, זי רעגולירט בכלל נישט די הויך פון דער פּראָדוקציע, עס איז אויך נישט קלאָר, צי זי נעמט אַרום אויך די פון פאַריגען סעזאָן איבערגעבליבענע פּראָדוקציע, זי זעהט נישט פאָר קיין ענטשפּרעכענדע סאַנקציעס. אָבער דוקא צוליב די חסרונות וועט מען מעגליך זיין צו זעהן, אויף וויפיל אונזער אינדוסטריע וועט אַרויסווייזען רייפקייט און זיין פאַר פערשטענדיגונג אויפ'ן פּרייזען-בארעג, און שפּעטער אויך אין דער פּראָדוקציע-רעגולירונג. עס איז דאָך א עקספּערימענט בלויז!

—0—

אונזערע קאַמף-השגות

וועגן דער יודישער קאַטעדרא אין ארץ ישראל — פון ד"ר א. מיקדוני.

II.

עס קומט אויס זעהר קאָמיש צו זעהן ווי יעדער פון אונז שטעהט מיט א שער און שניידט זיך אויס פון אונזער געשיכטע דעם חלק, וועלכער איהם געפעלט; אַט שטעהען די העברעער און שניידען אויס פון אונזער געשיכטע די טיילען, וואָס זיי געפעלט, אַט וואַרפען זיי ארויס א שטיק עבר, וואָס איז יודישיסטיש, האָבען די יודישיסטען אויך א שער און זיי שניידען אויס פון אונזער געשיכטע דעם יודישיסטישען חלק און דאָס איבעריגע וואַרפען זיי ארויס. האָט זיך מיישב געווען דער „בונד" און האָט פאַר יודען אויסגעשניטען נאָר א פיצעל יודישע געשיכטע, סך-הכל 30 יאָהר פון יודישער אַרבייטער-בעוועגונג, קומט ליטוואַקאָוו, דער קאָמוניסט, און איז איינגאַנצען מקצר ימים דער געשיכטע אונזערע, אונזער געשיכטע הויבט זיך אָן פון אָקטאָבער 1917, און דאָס איבעריגע איז מיסט און מען דאַרף עס ארויסוואַרפען אין דעם וועלט-מיסט-קאַסטען.

זענען מיר נישט קיין געשיכטע-מאַכער מיר זענען געשיכטע-שניידער.

און דער העברעאישער לעהרער באַגראַשאָוו אין תל-אביב, דער פיהרער פון דעם „גדוד-השפה", ליטוואַקאָוו פון דעם מאָסקווער „עמעס" און דער פערברענטער בונדיסט זענען אין צאַם פּונקען פון איין שניט; זיי אַלע טוען און פּסל'ענען שטיקער יודישע געשיכטע, זיי אַלע לעסטערען שטיקער יודישע פערגאַנגענהייט און זיי אַלע זענען לחלוטין נישט קיין געשיכטע-מאַכער, נאָר געשיכטע-שניידער.

און ווער זענען זיי צו די דאָזיגע פּוסקים אויף דער יודישער געשיכטע?

און ווער זענען זיי צו דאָזיגע בעלי-דעות אויף דעם גאַנג פון יודישער געשיכטע?

נישט קיין נאַפּאָלעאָנ'ס, נישט קיין לענינ'ס און נישט קיין אַנדערע, וואָס קענען זיך באמת פערמעסטען צו קירעווען די געשיכטע אויף זייער וועגען.

ביי אונז קומט דער שוהל-מייסטער און נעהמט אָן די פּאָזע פון א נאַפּאָלעאָן.

ביי אונז איז די מלחמה צווישען העברעאיש און יודיש, א מלחמה צווישען יודישע און העברעאישע לעהרער.

עס איז נישט קיין מלחמה, עס איז א טיפּישע יודישע מחלוקת.

ביים יודען אין קליין שטעטעל פלעגט זיך אָנזאַמלען קאַמפּס-ענערגיע. האָט ער נישט געהאַט קיין געלעגענהייט אויסצוברענגען זי, צו פערהאַנדלען זי אויף וויכטיגע לעבענס-דערשיינונגען און ער פלעגט זיך צומ'מחלוקת'ען מיט דעם גרעסטען איינפּאַטש ווען דאָס שטעטעל האָט בעדאַרפט איינלאַדען א חזן.

עס פלעגט איהם גלהען ממש אין לעבען, ווער עס זאָל זינגען בפּני עמוד.

טייערע, גאָלדענע קאַמפּס-ענערגיע פלעגט אויסגעבראַכט ווערען אויף קליינגקייטען און אויף נאַרישקייטען.

קאַמף איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין פּרוכטלאָזער מחלוקת.

דאָס איז געווען און עס איז נאָך אויך איצט די קללה פון אונזער לעבען.

דאָס לעבען גיט אונז איצט גרעסערע קאַמפּס-געלעגענהייטען, אונזער קאַמף-ענערגיע קען איצט פערוואַנדעט ווערען אויף גרויסע און וויכטיגע ערשיינונגען, אָבער מיר מחלוקת'ן זיך ווי א מאָל.

פּאַלעסטינא האָט זעהר גרויסע און זעהר שווערע זאָרגען, און איך בין זיכער, אַז אין דעם טאָג ווען די שטילע יודישע קאַטעדרע וועט געעפענט ווערען וועט זיך טון חושך, קיין וויכטיגע זאָרג און קיין ערנסטע פראַגע וועט נישט אויפרודערען אַזוי דעם יודישען קהל ווי די יודישע קאַטעדרע.

מחלוקת, דאָ זענען מיר בריות!

אויב די געטע, דער גלות האָט געהאַט אויף אונז א אונגליקליכע ווירקונג, זענען די קליינע קאַמף-השגות, וועלכע מיר האָבען אָנגעלעבט אין גלות, דער אונגליקליכסטער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער ווירקונג.

אונזערע קאַמף-השגות זענען נאָך ביז היום קליינשטעטלדיגע און בית-המדרש-דיגע.

וו. זשאַבאָטינסקי זאָגט מיר אויס אַלע מאָל ווי א פּראָפעסאָר צווישען דעם ציוניסטישען עולם, ווייל ער האָט עפּעס נישט קיין יודישע קאַמף-השגות; ער האָט בעהאַלטען די השגה, אַז יודען זאָלען זיך אַרויסמישען אין דער וועלט-מלחמה אַלס מיליטערישע מאַכט, און שפּעטער איצט עפּעס געגען ענגלאַנד נאָר נישט ווי א יוד, הכלל—ער האָט גוי'אישע קאַמף השגות.

איז ער עפּעס א פּראָפעסאָר ביי אונז.

און ער וועט זיין א פּראָפעסאָר ביז ער וועט האָבען אַרום זיך א מחנה יודען, וואָס וועלען נישט איבערטרייבען ווערען פון דעם, וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי האָט א פערלעזונג אויף יודיש אין פּאַלעסטינא. נאָר זיי וועלען שוין האָבען די השגות צו שטעלען תביעות צו ענגלאַנד.

און די מעגליכקייטען קומען כסדר מיט די השגות.

א ביישפּיל איז פאַר מיר די קליינע מלוכה ליטא; מען האָט די קעניגרייך ליטא מיט פערבעדקט אַלס הויפּט-שטאָט געהאַלטען פאַר א חויק, אָבער גוים האָבען א פּנים נאָך אַנדערע השגות, האָט דאָס ליליפּוטען-מדינה'לע מיט איהרע עצליכע יוונים פערבאַט ש מעמד, אין איצט לעבט איבער אמת'ע מלחמה. שרעק צוליב דער איינגעשפּאַרטער תביעה פון דער דאָזיגער מדינה'לע אויף ווילנא.

ווען מיר וואָלטען געהאַט אַזא קליין מדינה'לע ווי ליטא, וואָלטען מיר דעם פעלקער-בונד פערטומלט דעם קאָפּ מיט אונזער גרויסער פראַגע וועגען יודיש און העברעאיש.

דער יודישער מיניסטעריום אין ליטא איז דאָך געווען די גאַנצע צייט פערנומען מיט דער דאָזיגער פראַגע און ער האָט גאַרנישט בעמערקט ווי ער איז ארויסגעשטויסען געוואָרען פון לעבען...

עס איז פּשוט—גוים קעמפען און מיר מחלוקת'ן זיך.

וו. זשאַבאָטינסקי, דער יוד מיט פרעמדע השגות, האָט געשאַפען א גדוד לויט די גוי'אישע בעגריפען, דער העברעאישער לעהרער באַגראַשאָוו האָט אויך געשאַפען א גדוד, א גדוד געגען ד"ר זשיטלאָווסקי'ס א יודישער פערלעזונג און ער וועט, בפתמא, ארויסלאָזען דעם דאָזיגען מורא'דיגען גדוד געגען דער יודישער קאַטעדרע.

עס האָט איהר די גראָטעסקע ענטגעגענשטעלונג פון צוויי גדודים...

דער ערשטער גדוד שפּילט מיט פּולווער און דער אַנדערער מיט בטלנות.

איז וו. זשאַבאָטינסקי אַזוי גוט ווי בעזייטיגט געוואָרען, אָבער באַגראַשאָוו מיט זיין גדוד איז עפּעס ווי די אייביגקייט.

די קאַמף-השגות פון וו. זשאַבאָטינסקי זענען אונז פרעמד, אָבער די מחלוקת-השגות פון א באַגראַשאָוו זענען אונז באַקאַנט, היימיש און ליבליך.

און אַלע חיים'ען דאָך, אַז די יודישע קאַטעדרע איז לחלוטין נישט קיין יודישיסטישע פערשווערונג, דער העלד דוד שאַפּירא, דער ארויסגעבער פון „טאָג" איז נישט קיין יודישיסט און בשום אופן נישט קיין קעמפער געגען העברעאיש. זיין צוזאָג איז דאָך פריינדליך צום

(ענדע זעהט זייט 6)

נייע יודישע צייטשריפט

„דער יודישער לאַנדווירט".

וואַרשא, (י.ט.א.) שטרעבענדיג צו רעאַליזירען איינעם פון איהרע פּאָסטולאַטען איז די געזעלשאַפט „טאָז" צוגעטרעטען ארויסצוגעבען א צייטשריפט א. נ. „דער יודישער לאַנדווירט". דער ערשטער נומער וועט ערשיינען אין די נעהענסטע טעג און וועט פאַנאַנדערגעשיקט ווערען אומזיסט. כדי צו דערמעגליכען דאָס פאַנאַנדערשיקען דעם נומער ווערען אַלע יודישע לאַנד-ווירטען און גערטנער, ווי אויך די פּערזאָנען, וואָס אינטערעסירען זיך מיט פערשפּרייטען לאַנדווירטשאַפט צווישען דער יודישער בעפעלקערונג געבעטען מיטצוטיילען זייערע אַדרעסען דער אַדמיניסטראַציע פון דער צייטשריפט אין וואַרשא, פּיאַדעקאַ 7, וו. 15/8.

קאָנצערט-דירעקציע: אַלפרעד שטרויך
„זאַל פילהאַרמאָניע"
טעל. 13-84 טעל. 13-84
מאָנטאַג, דעם 6. פעברואַר ה. י., 8.30 אין אָוונט
פידעל-רעציטאַל
אויסגעפיהרט פון פּראָג אַם:
Bronisław
GIMPEL
ביים פּיאַנאָ: Karol Gimpel
פּראָגראַם:
VITALI: Chaconne
GOLDMARK: A-moll פידעל-קאָנצערט
CZAJKOWSKI: סערענאַדע
TARTINI-KREISKER: Warjacje na temat Corelli'ego
WIENIAWSKI: Scherzo Tarantella
PUGNANI-KREISRER: Preludjum e allegro
PAGANINI: I Palpiti
בילעטען שוין צו בעקומען אין פילהאַרמאָניע-קאַסע טעגליך פון 10.30 ביז 2 נאָכמיטאָג און פון 4 ביז 7 אין אָוונט.

לאדזשער כראניק.

וואס פארא שטייערן וועט מען צאהלען אין פעברואר?

אין פעברואר וועט מען דארפען צאהלען פאלגענדע שטייערן: די פירמע־דאטע פאר (1927) פערמעגענס שטייער צום לאדזשער צונפט, די ערשטע ראטע פון לאקאל שטייער, לאסים שטייער, דעם מלוכה'שען און שטאטישען שטייער פאר אנגעבויטע פלעצער און ערדלי־כע מלוכה'שען שטייער מיט'ן לאנד־צושלאג פון ערד.

„אופאדלאסטש“ פון דער פירמע בלאטקיעוויטש.

(§) נעכטען האט די האנדעלס־אפטיי־לונג ביים קרייז־געריכט ערקלערט אן „אופאדלאסטש“ דער פירמע בלאטקיע־וויטש אויף שענקעוויטשא 56. איינע פון די גרעסטע לאדזשער שניידער־ווארשטא־טען. אלס קאמיסאר איז בעשטימט גע־ווארען לעאפאלד ראזענבוים.

א ביטע צו א וואוינונגס־אינ־ספעקציע קאסט 2 זל.

(נ) לויט א בעשלוס פון דער בעזונדער־קאסס־אפטיילונג וועט מען פאר א ביטע אין דער וואוינונגס־אינספעקציע דארפען בעצאהלען 2 זל. אזא אפצאהל וועט מען אויך נעמען פאר יעדער קאפיע „חיט־שאנג“ אדער ציינגניס. פון דעם אפצאהל זיינען פריי די, וואס וואוינען אין 1 אדער 2 צימערדיגע וואוינונגען, אר־בייטסלאזע און אנגעשטעלטע פון דער שטאט־פערוואלטונג.

א דרינגענדע קהלה־זיצונג וועגען פערגרעסערן די קויהלען־שטיצע

(נ) מאנטאג אווענד איז ארגעהאלטען א זיצונג פון דער קאמיסיע פאר סאציא־לער הילף ביי דער קהלה וועגען דער קויהלען פערטיילונג.

די קאמיסיע האט פעסטגעשטעלט לויט א פראוויזארישער אויסרעכנונג, אז די צאהל ארימעלייט, וואס האבען זיך רעגיסטרירט אין די פעראיינען, בתי־תפילות און אין דער קהלה בעטרעפט העכער 10.000.

פרנס וואלמאנאוויטש האט אנגעוויזען, אז היי יאהר בעטרעפט די צאהל בעלנים אויף קויהלען שטיצע צוויי מאל אזויפיל, ווי פאראיאהרען. און דאן איז צו דעם צוועק געווען בעשטימט 60.000 זל. אזוי, אז יעדע ארימע פאמיליע האט בעקומען צו 2 און 3 קווארץ קויהלען דורכשניטליך, בעת היינטיגען מאל איז בעשטימט נאר 40.000 זל. און יעדען ארימאן וועט אויסקומען דורכשניטליך 3 „טשווארטקעס“ קויהלען. ער האט דעריבער פארגעלייגט, אז די קאמיסיע פאר סאציאלער הילף זאל זיך ווענדען צום קהלה פרעזעס וועגען צונויפרופען א דרינגענדע זיצונג פון דער קהלה פער־וואלטונג מיט'ן ציל צו בעשטימען נאך 40.000 זל. (צוזאמען 80.000 זל.) צו קענען יעדען ארימאן געבען 2 קווארץ קויהלען.

דער פארשלאג איז איינשטימיג אנגע־נומען געווארען. פרעזעס רום האט בע־שלאסען צו רופען די דרינגענדע זיצונג פון דער קהלה פערוואלטונג אויף מאר־גען דאנערשטאג ביינאכט.

פאר די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, ווי שולען, תלמוד תורה'ס, יתו־מים הייזער א.א.וו. איז ביז איצט שוין ארויסגעגעבען געווארען 2060 קווארץ קויהלען. די איבריגע אינסטיטוציעס דארפען שיקען אין דער קהלה זייערע בעפולמעכטיגטע אפצונעמען די קויהלען טאלאנען.

צווישען די לאדזשער געזעלשאפטליכע שולען און ערציהונגס אנשטאלטען איז קויהלען שטיצע פערטיילט געווארען אזוי: די מעדעם שול האט בעקומען 50 קווארץ קויהלען, די בעראכאוו שולע — 30 קווארץ קויהלען, די קינדער היים אויף לאגעווניקא — 25 קווארץ, די שארעי חנוך — 25 קווארץ, די שלום עליכם שול — 30 קווארץ, די פרץ שול — 25 קווארץ, „הרצליה“ — 50 קווארץ. כך הכל האבען בעקומען קויהלען ביז 50 אינסטיטו־ציעס.

דרייסטע גנבה אין א באנק.

ארויסגעצויגען ביי א אינקאסענט פון א זגיערזשער פאבריק 2000 דאלאר.

(§) נעכטען איז אין דער „באנק פאר פאלקסווירטשאפט“ אויף פעטריקאווער 74 געשעהען א דרייסטע גנבה. ארום 11.30 פארמיטאג איז אין דער באנק געקומען א געוויסער ישראל פלאמהאלץ פון 6. שערפינג גאס 41, צו'איינקאסענט פון דער פירמע ברידער ברוין, וואס האט א פאבריק מהל און זגעריש. דער אינקאסענט האט געוואלט איינצאהלען אין דער קאסע פון דער באנק 2000 דא־לאר, וואס ער האט געהאט אין א זייטען טאש פון פאלטא. ער איז א לענ־גערע צייט געשטאנען אין דער רייע און בעת ער האט זיך ענדליך דערשלאגען צו דער קאסע און געוואלט בעצאהלען דאס געלד, האט ער און שרעק דערזעהן, אז די טאש איז לעדיג. עס איז געווארען א גרויס געפילדער און ווען עס איז צוגעקומען פאליציי מיט'ן אויבער־קאמיסאר וואווער בראש, האט מען רע־ווידירט אייניגע פערדעכטיגע אנוועזענ־דע, אבער דאס געלד איז נישט געפו־נען געווארען.

—0—

מען ציהרט איין אין פוילען שטוב־ארעסט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון מיניס־טעריען ראט איז צוגענומען געווארען דער פראיעקט פון א פערארדנונג פון'ם מלוכה פרעזידענט וועגען איינפיהרען אין פוילען דעם סיסטעם פון שטוב־ארעסט.

לויט דער פערארדנונג קען דאס גע־ריכט פערארדנען, אז דער פעראורטייל־טער אויף ארעסט ביז 7 טעג זאל אפ־זיצען די צייט פון ארעסט ביי זיך אין דער אייגענער וואוינונג. דערביי טאר ער נישט פערלאזען זיין וואוינונג און אויך נישט אויפנעמען קיין שום געסט.

—0—

אפגעלייגט דער פראצעס פון סטרי־קאווער רבי'ן מיט'ן סטריקאווער מאגיסטראט.

(נ) מאנטאג האט אין לאדזשער קרייז־געריכט געזאלט פארקומען דער פרא־צעס צווישען סטריקאווער רבי מיט'ן מאגיסטראט אין סטריקאוו, וועגען וועל־כען מיר האבען פריהער אויספיהרליך געשריבען.

דער בעפולמעכטיגטער פון סטריקא־ווער מאגיסטראט, נאמ. א. צימערמאן האט פאר'ן צוטרעטען צו די גערלכט־ליכע פערהאנדלונגען ערקלערט אינ'ם נאמען פון סטריקאווער מאגיסטראט, אז די הילפס בעשילדיגונג בנוגע דעם דירה־געלד וועלען אויפקלערען לטובת דעם מאגיסטראט 4 עדות, וועלכע וויסען, אז דער מאגיסטראט דארף נישט און קען נישט צאהלען פאר די פערנומענע לאקאלען אלס הויכען דירה געלד. ער האט דעריבער פארלאנגט צופאלעגען דעם פראצעס און רופען 4 עדות מצד דער פערטיידיגונג. ער האט דער־ביי ארויסגעבראכט זייערע נעמען.

אחוו. פילסאוויטש, וואס טרעט ארויס אינ'ם נאמען פון סטריקאווער רבי, האט אנגעוויזען, אז דער עיקר האנדעלט זיך וועגען אויסלייזען דעם'ן סטריקאווער מאגיסטראט דאס הויז פון רבי'ן. די פראגע וועגען דירה געלד איז דא אויפ'ן צווייטען פלאן, הגם דער רבי קאן דער־פון נישט מותר זיין, ווייל דער מאגיס־טראט רואינירט איהם מיט זיין פאמי־ליע אויף א רעכטלאזען אופן.

דער פראצעס איז צופאלעגט געווא־רען אויף 6 וואכען צייט.

—0—

אלגעמיינע פערזאמלונג פון די פליישער־ארבייטער.

(—) אינטער'ן פארזיץ פון ח' משה קארפעל איז די פאריגע וואך פארגעקו־מען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמ־לונג פון די מיטגלידער פון פעראיין. פון אנ'אבגעגעבענעם בעריכט איז צו זעהן, אז די פערוואלטונג האט אנגע־שטרענגט די כוחות צו דערהויבען דעם „ולט־ר־לאן“ און עקאנאמישען מצב פון די מיטגלידער, געשאפען א רייה סעק־ציעס: פליי־ארבייטער־סעקציע, בלוט־ארבייטער־סעקציע, הילפס־ארבייטער־סעקציע, ארבייטער־סעקציע אין כאינער ראיאן. איצט ווערען ארגאניזירט די טראנספארטער און שוחטים־יעקציעס, א־דורכגעפיהרט אורלויב צוישען די מיט־גלידער, אדורכגעפיהרט לוין־אקציעס ביי די סעקציעס פון האורעט. אין קישקען־ארבייטער און ביי דער סעקציע שחיטה־הוין־ארבייטער יום־טוב לוין־אקציעס. די פערוואלטונג האט אינטערווענירט ביי די מאגיסטראט־סעפערן, מאדערני־זירונג א פערטרעטונג צו ד״ר קאלקולי־רונג פון די פראדוקציאן־פרייזען אין דער פלייש־אינדוסטריע, צו וועלכע דער שטאט־פרעזידיום האט מסכים געווען.

די פערוואלטונג האט אנטייל גענומען אין ארגאניזירען דעם ארבייטער וואוי־נונגס־קאאפעראטיוו „פראוויס“, בעשטיצט דורכגייענדע ארבייטער פון דעם פאך. בנוגע די קלאגען וועגען מכלומרשטע מזירות מצד דער פערוואלטונג אין צו־זאמענהאנג מיט'ן ארעסט פון די חיר־טאוויניסעס וואראט די פערוואלטונג צו די אלע קלאגען מיט עקעל און בע־שליסט די קלאגען־פערשפרייטער צו־צוציהען צו געריכטליכע פעראנטווארט־ליכקייט.

נאך א דיסקוסיע ווערט דער בעריכט בעשטעטיגט. דער בודזשעט אויפ'ן יאהר 1928 ווערט בעשטימט אויף 5 טויזענד זלאטעס. דאן קומען פאר וואהלען. אין פערוואלטונג זיינען ארויין די ה״ה: דא־ווידאוויטש דוד, קריסטא נחים, קיזדא מרדכי, קוזרא מאניש, קירניק הערש, ליכטענשטיין איטשע מאיר, קארפעל יונתן, זלאטניצקי משה, קארפעל משה, שיליט ישראל, ראטבארד ישראל, וואלפ־זאן שמאי, ראגאווי צווי, צוקער ישראל, קוילענברענער איציק, קאזשיך בענדעס, בראם מענדיל און האכמאן מאנעלע.

מיט'ן פנים צו דער יודישער גאס.

דער נייער גייסט אין לאדזשער „הזמיר“.

די נייע פערוואלטונג פון לאדזשער „הזמיר“ האט זיך אנגעצייכנט א פלאן פון א פערצווייגטער טעטיגקייט אויפ'ן געביט פון פלעגען יודישע מוזיק, לי־טעראטור און קונסט צווישען די ברייט־סטע שיכטען פון דער יודישער בעפעל־קערונג. זי האט בדעה אויפצולעבען די אלטע טראדיציעס פון „הזמיר“, וועלכער האט פיל מיטגעווירקט בשעתו צו דער הויבען דעם קולטורעלען ניוואָ פון אונ־זער יוגענד.

די ווידעראויפלעבונג פון „הזמיר“ איז בלי־ספק א דערפרייענדע ערשיינונג אין יודישען קולטורעלען לעבען פון אונזער שטאט.

דער „הזמיר“ עגזיסטירט שוין אין לאדז אנ'ערך 27 יאהר און האט היג־טער זיך א רומפולע קולטורעלע פער־גאנגענהייט, אין ער אבער די לעצטע יאהרען געווען פטפט ווי אפגעשטארבען. עס זיינען געווען אייניגע סיבות, וועל־כע האבען דעם „הזמיר“ געבראכט צו אזא ירידה.

ראשית־כל האט דער „הזמיר“, אנ־שטאט צו פלעגען די יודישע מאסען מיט די פערל פון דער יודישער פאלקס־מו־זיק, זיך פערוואנדעלט אין א מין אראַ־פאריץ־געזעלשאפט. ער פלעגט זיין גאנ־צע ענערגיע אפגעבען אויף אויפציהע־רען יעהרליך איין אראטאריע.

אראטאריע־אויפפיהרונגען זיינען אבער פאר די ברייטע שיכטען נישט איננאנ־צען פערשטענדליך אין צוגענגליך. פלע־גען מאכי די דאזיגע קאנצערטען נישט ציציהען די פאלקס־עלעמענטען, אויף וועלכע דער „הזמיר“ האט זיך איינגע־ליך באזירט, אדער גערארפט באזירען די צאייטע סיבה איז געווען וואס דער „הזמיר“ האט זיך אפסאלוט נישט צוגע־פאסט צו די בעדינגונגען אין גייסט פון דער נייער צייט, אין וועלכער מיר לע־בען.

די נייע פערוואלטונג פון „הזמיר“ האט פערשטאנען, אז כדי צוצוציהען די ברייטע יודישע שיכטען פון אונזער שטאט צום „הזמיר“ מוז מען זיך ווענ־דען מיט'ן פנים צו דער יודישער גאס און צום קוואל פון דער יודישער פאלקס־שאפונג אין דעריבער דארף דער „הזמיר“ כאר זיך אפזוכען לעת־התה פון די אראַ־טאריעס־אויפפיהרונגען און ער מוז זיך בעזונדערס ווידמען צו אויפפיהרען פאלקס־שאפונגען פון אונזערע יודישע קאמפאני־זיטארען ווי: אחרון, ענגעל, מילנער, זילבערג, וויינאר, בלאך, סאמינסקי א. א., כדי אזוי ארום צו בריינגען די יו־דישע מאסען מיט די שענסטע שאפונ־גען פון דעם מוזיקאלישען פאלקס־אוצר.

אין דער ערשטער רייה האט דער „הזמיר“ צד עה איינציארדנען אין דער נאחיינטסטער צייט אין אייגענעם לא־קאל א גאנצע רייה פאפולערע פאלקס־קאנצערטען מיט דער בעטייליגונג פון סאליסטען און אייגענעם כאר אונטער דער לייטונג פון פראף. פמחישי'ס אין אייגענעם ארקעסטער אונטער דער די־רעקציע פון פראף. טעאדאר רידער, רב־ליגיעזע קאנצערטען מיט'ן אנטייל פון די בעקאנטע חזנים סיראטא, הערשמאן און קוסעוויצקי, וועטער איז אויך אנ־געצייכענט די אויפפיהרונג פון א יודי־שער אפערע. אויך אויפ'ן ליטעראַרישען געביט פלאנט דער „הזמיר“ איינצואר־דנען יעדע וואך ליטעראַרישע פארלע־זונגען, לעקציעס, רעצעפציעס, קאמפאני־זיטארען געוויזעטעס דער יודישער, העב־רעאישער און אלגעמיינער ליטעראַטור און קונסט.

א חוץ דעם ווערט אויך אין די נאָ־הענטסטע טעג געעפענט ביים „הזמיר“ א שטענדיגע בילדער־אויסשטעלונג פון די בעקאנטעסטע יודישע קינסטלער. אין דער ערשטער רייה איז פארויסגעזעהן אנ'אויסשטעלונג פון די בעקאנטע לאָד־זער יודישע מאלער: שפיגעל, טרעמ־באטש, פינקעלשטיין, הירשאָנג, בער־מאן פתנא א. א.

די נייע פערוואלטונג פון „הזמיר“ איז פול מיט גלויבען און חילען צושא־פען אין „הזמיר“ א „מקום־מקלט“ פאר די וועלכע לעכצען אין בענקען נאך א שיין יודיש ווארט, נאך א דערהויבענער יודישער שאפונג, נאך א יודישען ווינ־קעלע, וואו מ'זאל קענען געמיטליך פער־ברענגען אין א יודישלעכער סביבה.

עס פערשטעהט זיך, אז די אלע אָנ־געצייכנטע פלענער וועלען קענען פער־ווירקליכט ווערען נאר דעמאלט ווען די ברייטע יודישע מאסען און די יודישע אינטעליגענץ וועט מיטהעלפען דעם „הזמיר“ אין זיין ארבייט.

א. בארוכי.

פון יודישען פרויען־פעראיין „וו.י.ז.א.“

(—) די לאדזשער אבטיילונג פון וו.י.ז.א. ענטוויקעלט זיך זעהר גוט. די צאהל מיטגלידעריננס גרייכט שוין איצט ביז 300. צו דער קאנפערענץ פון אלע יודישע פרויען־פעראיינען אין אייראפא, וואס קומט פאר אין פראג, האט דער לאדזשער פעראיין דעלעגירט די חיצי־פארזיצענדערין פון פעראיין ד״ר ספעק־טער.

די וועכענטליכע „טיי־אווענדען“ געהען אראפ מיט גרויס ערפאלג. בעזונדער'ס שטארק האט אויפגענומען דער אינטע־רעסאנטער רעפעראט פון דיר. ברענד־שטעטער „דאס קינד אלס נביא“.

דער מאסקען־באל פון לאדזשער זשורנאליסטען־סינדיקאט.

דער זשורנאליסטען סינדיקאט אין לאדז פערענדערט דעם היי יאהריגען מאר־קאסזאל מיט א הערליכען מאסקענבאל אונטער'ן פראטעקטאראט פון וואיעוו־דא יאשטשאלט, וואס וועט זיין א אנ־בעררעשונג פאר לאדז. אויף דער „פרע־סע רעדוטע“ וועט זיך צוזאמענטרעפען די גאנצע זשורנאליסטען משפחה פון לאדז אהן אונטערשיד פון נאציאנאלי־טעט. די „פרעסע רעדוטע“ זאל זיין עפיס אויסערגעוויינליכעס, וואס לאדז האט ביז איצט נאך נישט געזעהען.

אינ'ם פלאקער פון ליבעס־פייער.

איזאדארא דונקאן בעשרייבט איהר ראמאן מיט דעם בעריהמטען ענגלישען רעזשיסאר גאָרדאן קרעג. — אויך א ליבע מיט אנ'אונגארישען אקטיאר.

פון ס. אשעראוויטש.

II.

נאך אנ'אנדערע ליבע — און אויך אין דייטשלאנד — האט דונקאן געהאט מיט דעם בעריהמטען ענגלישען טעאטראל, גארדאן קרעג.

קרעג איז געווען וועהר אנ'ארגינעל־לער מענש, מיט מאדנע קאפריזען און אַגדע ווילדקייטען. ער איז נאך דאן געווען אנ'ארימער אונבעקאנטער מאח־לער. אבער סוגדעסטאטראצ האט ער זיך אין זיין ארבייט שוין געהאלטען מיט אזא ברייטקייט און מיט אזוי פיל עקשנות, ווי עס קען זיך בלויז האלטען איינער, וואס פיהלט אין זיך די פולע זיכערקייט, אז ער וועט ווערען א גרויסער.

בעקאנט געווארען מיט קרעג'ן איז איזאדארא דונקאן אויף א גאנץ אייגענ־ארטיגען שטייגער. נאך א פארשטעלונג, וואס איזאדארא דונקאן האט געגעבען אין איינעם פון די גרויסע בערלינער טעאטער'ס, האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר פון איהר גארדעראבען־צימער און א שעהנער, געקראָסיגער, אבער א בייזער יונגערמאן איז אריינגע־שפרונגען און גלייך אנגעהויבען שרייען אויפ'ן קול:

— דו ביסט וואונדערבאר! דו ביסט אויסגעצייכענט! אבער זאג מיר נאר, פארוואס האסטו צוגעגנב'עט מיינע אי־דעען? וואו האסטו צוגעגנב'עט מיינע דעקאראציעס?

איזאדארא האט געפרובט איהם איינ־שטילען. זי האט איהם געזאגט, אז זי טאנצט אלע מאל פאר בלויע פארהאנ־גען. אבער ער האט געוויזען גערנישט געהאלט הערען, וואס זי רעדט צו איהם.

— די ווייסט נישט, וואס דו רעדסט!

— האט ער געשריען. — דאס זיינען מיינע דעקאראציעס. דאס זיינען מיינע אידעען!

און אין דעם זעלבען מינוט האט ער צוגעגעבען:

— אבער דו ביזט די פערקערפערונג פון מיינע טרוימען! אזוי, ווי דו, האב איך זיך שטענדיג פארגעשטעלט אין מיין פאנטאזיע!

אנ'אנדער פרוי וואלט אויף אזא פער־שוין געקוקט, ווי אויף א משוגענעם און זי וואלט אפשר געהייסען, מען זאל איהם ארויסנעמען פאר'ן קארק און ארויס־ווארפען.

איזאדארא דונקאן האט זיך אבער אנדערש בעצויגען צו אזעלכע ווילד־אויפגעבראכטע קינסטלער, און ארומגעקו־קענדיג איהם אין די אויגען מיט א ליב־ליכען שמייכעל, האט זי איהם שטיל געפרעגט:

— אבער זאג מיר, איך בעט אייך, ווער זענט איהר?

— איך בין דער זוהן פון עלען טעֶ־רי.

דער נאמען פון דער ענגלישער אק־טריסע, עלען טערי, איז ביי איזאדארא דונקאן געווען שטארק בעליבט, און זי האט קרעג'ן איינגעלאדען צו זיך א היים.

איזאדארא'ס מוטער איז אויך געווען צופרידען פון דעם, וואס עלען טערי'ס זוהן, וועלכער איז אזוי פערגייסטערט פאר דער קונסט פון איהר טאכטער, וועט מיט זיי פערברענגען א שעה־צוויי נאך ד״ר פארשטעלונג.

געקומען צו איזאדארא'ן א היים, האט גארדאן קרעג מיט ווילדער בע־גייסטערונג געוואונען רעדען וועגען זיינע אידעען און וועגען דעם, וואס ער פלאנט אויפצוטון אויף דעם געביט פון טעאטער־קונסט. ער האט וועגען דעם אזוי פיל גערעדט, ביז אלע אין הויז זיינען גע־ווארען מיד און זיינען א וועק שלא־פען.

בלויז ער און איזאדארא זיינען גע־בליבען אין צימער.

און קרעג האט אלץ ווייטער גע־רעדט וועגען נייע אויפטואונגען פאר'ן טעאטער; מאכענדיג מיט די הענט און אנווארפענדיג אייניגע צייכענונגען, האט ער געוויזען, ווי מען דארף טון און ווי אזוי מען דארף טון, כדי א פאר־שטעלונג זאל האבען די געהעריגע עפעקטען. און מיט א מאל האט ער זיך

געגעבען א שטעל אויף און, עקסטאטיש־דיג איזאדארא'ן מיט די בליקען פון'ם קאפ ביז די פיס, האט ער זיך ווידער צושריען:

— אבער איך קען נישט פערשטעהן, פארוואס דו האלסט זיך דא! אזא גרויסע קינסטלערין, ווי דו, לעבסט צוזאמען מיט אזא פאמיליע! דאס איז דאך די גרעסטע נארישקייט! איך בין דער, וואס האט דיך אויפגעטראכט. דו געהערסט צו מיינע דעקאראציעס!

און נישט פראכטענדיג קיין סך, האט ער אויף שנעל ארויפגעווארפען א מאנ־טעל אויף איהרע אקסלען און אנגעמענ־דיג זי ביי דער האנט, האט ער זי ארויס־געפיהרט אין דרויסען.

זי איז איהם נאכגעגאנגען, ווי א פער'כשופ'טע, נישט ארויסרעדענדיג דעם מינדעסטען ווידערשטאנד.

אין דרויסען האט ער אפגעשטעלט אנ'אויטא, און וועהרענדיג זיך צום שא־פער אין א געבראכענעם דייטש, האט ער אנגעהויבען אויף איזאדארא'ן און געזאגט:

— „מיינע פראו א נד מיך, ווער וועלען נאך פאטסדאם געהן“.

טאקע אויף האבען זיי זיך אפגעשטעלט אין א האטעל. דארטען האבען זיי פער־בראכט א פאר שעה און ארום ניין א זייגער פריה זענען זיי שוין געווען צוריק אין בערלין.

געהן צוריק א היים צו דער מאמע'ן האט איזאדארא עפעס נישט געהאט קיין מוט, און זי צוזאמען מיט קרעג'ן א וועק צו איהם אין סטודיע און דארטען אין זי שוין געבליבען...

„אין איהם — שרייבט איזאדארא אין איהרע מעמוארען — האב איך גע־פונען זיך אליין; ער איז געווען פלייש פון מיין פלייש און בלוט פון מיין בלוט“.

און רעדענדיג וועגען דער צייט, וואס זי האט מיט גארדאן קרעג'ן פער־בראכט אין סטודיע, זאגט איזאדארא אזוי:

„איך וויים נישט, ווי אזוי אנדערע פרויען געדענקען זייערע געליבטע. איך שטעל זיך פאר, אז וועהן א פרוי שיל־דערט איהרען א געליבטען, איז א סך לייטישער אין קארעקטער זיך אפצו־שטעלען דערויף, וואס פאר א קאפ האר ער האט געהאט, ווי ברייט זיינע אקס־לען זענען געווען, ווי זיינע הענט האָ־בען אויסגעזעהן און ווי אזוי ער איז געווען אנגעטאן. אבער, ווען איך דער־מאן זיך אן גארדאן קרעג, זעה איך איהם שטענדיג אין יענעם מאמענט, ווען ער האט אין יענער ערשטער נאכט אין סטודיע געצויגען פאר מיר זיין קלייד, בויגענדיג, גליהענדען לייב, פאהן קלויידער, דאן האב איך איהם דער־זעהן אין זיין פולער שעהנקייט“.

עס איז אין זיין זייער ליבע געווען עפעס אזוינס, וואס האט זיך געגרענעצט כמעט מיט פערברעכעריש־קייט...

קרעג האט ליב געהאט צוצוהערען אויף די בעגעגעל פון זיינע פינגער און זאגען, אז זיי זענען פונקט גוט זי צו דערהערגען...

ער האט אויך ליב געהאט אין איני־טימע מאמענטען איהר זאגען, אז זי איז זיין שוועסטער... און ווען מען

לייענט דאס, קומען ווילענדיג, נישט ווילענדיג אויס'ן זינען די בעציהונגען פון דעם בעריהמטען ענגלישען דיכטער, לארד באיראן, מיט זיין שטיף־שוועסטער, אוגוסטא לעי...

עס איז אבער אין דער ליבע געווען א סך עדעלקייט, עכט קינסט־לערישע עדעלקייט.

„ער איז אין זיין ליבע — זאגט זי, — געווען יונג, פריש און מעכטיג און ער האט אין זיך איינגאנצען נישט גע־האט די חוצפה און אויך נישט די טבע פון א בעל־תאוה. עס איז איהם אלע מאל געווען ליבער צו צערטלען, איידער זיך צו זעטיגען און בעפרידיגען. ער האט געקענט פעראייניגען די פייערדיגע ענערגיע פון זיין יוגענד מיט דעם כשוף פון זיין קונסט“.

אין סטודיע האט אויסגעפעהלט די נויטיגע מעבעל און מען האט געמוזט שלאפען אויף דער ערד; גארדאן קרעג האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפען עסען און ער האט געמוזט נעמען אויף בארג אין געוועלבעל. אבער דאס האט איזאדארא'ן נישט געשטערט צו זיין פער'שכור'ט פון זיין ליבע און זי איז געבליבען ביי איהם אין סטודיע צוויי וואכען צייט.

קיינער האט נישט געוואוסט, וואו זי איז. מען האט געמיינט, אז זי איז פער־פאלען געווארען. און דא האט זי גע־דארפט אויפטרעטען אין א פארשטעלונג. וואס איז שוין געווען אנאנסירט, איז איהר דירעקטאר ברומענפעלד, ווי א ווילדער און נישט געוואוסט, וואס ער זאל טון.

ער האט געמוזט מעלדען אין די צייטונגען, אז איזאדארא דונקאן איז גע־ווארען קראנק, און אז דערפאר ווערט

(ענדע—ווייט.)

נאכט-דיזשור אין די אפטייקען.

(§) היינט דיזשורירן פאלגענדע אפטייקן: אנטאניעוויטש, פאביאניצער 50, באנדזינסקי, פיעטריקאווער 164, פאקע-לעוויטש, פשעיאזד 19, רעמביעלינסקי, אנדזשעיא 26, זונדעלעוויטש, פיעטרי-קאווער 25, קאספשיקיעוויטש, זגערזשער 54, טראקטאָווסקא, בזשעזשינער 26.

איינער ביליגער פוטער מייער.

(:) דער פארבאנד פון פוטער און אייער סוחרים האט בעשלאסן צו פער-קלענערן דעם פרייז פון פרישע אייער פון 31 אויף 27 גראשן פאר א שטיק. דאקעגן איז געהעכערט געווארן דער פרייז אויף ערשטע סארט פוטער פון 6.60 אויף 7 זל. א קילא. אנדערע סארטן פוטער זענען נישט טייערער געווא-רען.

פאקשעוויניצער רבי'ס פאטער קראנק.

פון פאקשעוויניצער רבי'ס בית המדרש מעלדעט מען אונז, אז דעם רבי'ס פא-טער, וואס וואוינט איצט אין טאמאשאוו איז שווער קראנק און די פאקשעוויניצ-ער חסידים ווערן געזעצט תהלים צו זאגען פאר'ן חולה.

מאסקען-באל פון די פייער-לעשער היינט אין פילהאר-מאניע.

היינט קומט פאר אין „פילהארמאניע" דער טראדיציאנעלער מאסקען-באל פון די פרייוויליגע פייערלעשער, וועלכער קומט פאר צוגונסטן פון דעם אלמנות און יתומים פאנד ביי די פייערלעשער. דער מאסקען-באל איז פערבונדן מיט א רייה אינטערעסאנטע אטראקציעס און זאגט צו ארויסצוגעהן מיט א גרויסן ערפאלג.

ד"ר משה זילבערשטראם

ס'איז דער גורל פון א סך פערדינסט-פולע מענשען, וואס אין סוף פון זייער לעבען ווערען זיי דורך פערשידענע סבות געצוואונגען זיך צוריקצוציהען פון עפענטליכען לעבען. זיי ווערען דערמאלט לעבעדיג פערגעסען. דער שטראם פון לעבען דערווייטערט זיך און זיי האבען מוזען שטעהן פון זייטען אומגעבונגען סביבה. דער יונגער דור קוקט אויף זיי ווי אויף אפגעלעבטע שאטענס און ווייסט נישט מעהר, וויפיל שאפערישע כוחות, וויפיל לעבעדיגע ענערגיע ס'האבען געשטעקט אמאל אין די שטיל געווארענע מענשען.

דער גאר וואס פערשטארבענער ד"ר משה זילבערשטראם איז און סוף פון זיינע יאהרען, צוליב זיינע פיזישע ליי-דען געצוואונגען געווען צו א שטי-לער צוריקגעצויגענקייט.

און אפשר ווייסט נישט די היינטי-טיגע יוגענד, וואס ד"ר מ. זילבער-שטראם האט אמאל בעדייט פאר דעם אויפלעבונגס שטראם פון'ם יידישען לע-בען אין לאדז.

דער פערשטארבענער האט נישט אמאל מיט שטילער רעזיגנאציע זיך בע-קלאגט איבער זיין גורל, וואס צוגענו-מען אים צו שטעהן פון ווייטען פון דער ארבייט, וואס האט אויסגעפילט זיין גאנצע יוגענד און זיינע בעסטע יאהרען.

ווער ס'האט געהאט די געלעגענהייט נאר און דער לעצטער צייט צו ווארפען א טיפערען בליק אין זיין נשמה, דער האט געזעהן ארויסבלינקען ווי פיל אנ-געהויפטע ענערגיע פון ליבע צום כלל, וויפיל גלויבען אין אונזער צוקונפט און וויפיל בעוואונדערונג פאר די אלטע אידיאלן און יסודות פון אונזער נאציאנאלער אויפלעבונג, האבען געשטעקט ביז אין דער לעצטער מינוט אין דעם דאזיגן צובראכענעם קערפער, — ערשט דע-מאלט האט מען געקאנט פערשטעהן, ווי אזוי דער מענש האט און זיינע בע-סטע יאהרען געקאנט אויפברענגען אזוי פיל ארבייט און שאפונגס קראפט און דעם יידישען לעבען אין לאדז, וואס איז נאך צו יענער צייט געווען א:ן אמת'ן זין פון ווארט א טיפע פתולה.

ווען ד"ר זילבערשטראם איז געקו-מען קיין לאדז, איז אין אונזער שטאט כמעט נישט געווען קיין שום ארבייט אויפ'ן געביט פון נאציאנאלער קולטור. ער איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האט מ.ט אן אמת'ער יא-נאטישער בעגייסטערונג גענומען ליינען דעם פונדאמענט פאר דער יידיש נא-ציאנאלער ערציהונג און פאר דער נא-ציאנאלער ארגאניזאציע.

ווען איך בין געקומען קיין לאדז, האב איך, ליידער, מעהר נישט געהאט די מעגליכקייט צו טרעפען די אלע שאפו-נגען, וואס זענען צום גרעסטען טייל גע-ווען די ווערק פון פערשטארבענעם. דער שווערער דרוק פון דער צארישער צענ-זור און פאליציע האט צעשטערט ביי די אל ערשטע שאפונגען דעם יסוד פאר זייער קיום. די העברעאישע שול, וואס ד"ר זילבערשטראם האט געשאפען און אנגעפיהרט א:ן משך פון א רייה יאה-רען האט שוין נישט עקזיסטירט, אבער איך האב זיך אנגעשטויסען אויף א נאכקלאנג רייח פון ווערטפולן, וואס די דערמאנונג שולע האט איבערגעלאזט און א:ך האב דערמאנט פערשטאנען, ווי שטארק ס'איז געווען די השפעה פון אט דער דאזיגער אנשטאלט.

איך האב אויך דאן געהערט פון די פערשידענע שותפותקייטן, וואס די ערשטע ציוניסטישע עסקנים און לאדז האבען געהאט אויסצושטעהן. די ערשטע מעטינגען וואס זענען נעווען כמעט קאנספיראטיוו. פערשידענע פערפאלגו-נגען און רדיפות האבען אויף זיי געלוי-ערט.

וויפיל אומגעריכטעטע און יוגענד-ליכע התלהבות האט מען געדארפט האַ-בען, כדי פאר אזעלכע בעדינגונגען אויס-צוהאלטען די ציוניסטישע שולע און צו פיהרען א נאציאנאל קולטורעלע ארבייט!

ד"ר זילבערשטראם איז געווען און דער שווערסטער צייט פון ציוניזם אוי-נער פון זיינע ערשטע עסקנים און לעמ-פער אין לאדז.

מעג די היינטיגע יוגענד, וואס האט נאר געקענט דעם ד"ר משה זילבער-שטראם אלס אלטען פערראיוניצאם-מען מענשען, וויסען, אז דער פער-שטארבענער איז און זיין גאנץ לעבען געווען די פערקערפערונג פון אונבעגרע-ניצטער מסירת נפש און אויפאפפערונג פאר די אלע ארבייטען און אידעאלען, וואס פערפילען היינט זייער אונזערע לע-בערדיגע נשמה.

ד"ר מ. ברודא.

* * *

צוליב'ן טויט פון אונזער טייערן ציוניסטישען און נאציאנאלען טוער ד"ר משה זילבערשטראם, וועלכער איז געווען איינער פון די שטיפער פון דער ציוניס-טישער בעוועגונג אין לאדז בפרט און אין פוילען בכלל, האט דער הנהלה ציו-ניסטישער קאמיטעט באלד דורכגעפיהרט אונזער אפגעהאלטען א כפעציעלע זיצונג, אויף וועלכער עס איז פעטהערט ג-ווארען דאס אנדענקען פון פערשטאר-בענעם.

די מטמלורער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, די עסקנים פון „הרן היסוד" און „קרן קימת לישראל" און בכלל אלע טוטלפאטוקער פון דעם ציו-ניסטישען געדאנק פערזאמלען זיך היינט 1 א זייגער פאר'ן הויז אויף וואלטשאנסקא 65, כדי צו בעטייליגען זיך און דער לויה און אפגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

* * *

הו מיר הערען, איז בעשלאסען געווא-רען אויבערציפיהרען שפעטער די ביינער פון פערשטארבענעם קיין ארץ ישראל.

* * *

אלס צוליב פון פריהער צולוב'ן טויט פון איינעם פון די טרוגער פון יודישער מדן און ספרות פעראיין „בר כוכבא" און לאדז, ד"ר מאורוצי זילבערשטראם ז"ל איז דער לאקאל פון „מכבי" היינט געשלאסען.

צו גרשון סיראטא'ס קומען קיין לאדז.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען וועט „שבת-שירה", דעם 4. פעברואר דאוו-נען אין „פילהארמאניע" דער בעריהמ-טער חזן גרשון סיראטא, וועלכער פער-מאגט א פענאמענאלע שטימע, מיט וועלכער ער בעצויבערט זיינע צוהערער. וועט הערן דעמאל זינגען א גאנצע רייה גאר סינאגאגאל-קאמפאזיציעס.

דער אינטערעס צו סיראטא'ס דאוו-נען אין „פילהארמאניע". איז א גרוי-סער און דער בילעטן-פערקויף איז זעהר א לעבהאפטער.

נעכטן איז הרב ד"ר שלום טרייסטמאן אפגעפאהרען קיין פינלאנד

איבערצוגעהמען זיין אמט אלס אויבער-ראבינער פון העלזינגפארס.

גרויסע צאהל אנגעזעהענע פערזענליכקייטען געקומען זיך געזעגענען מיט איהם אויפ'ן וואקזאל.

א גרויסע צאהל אנגעזעהענע פערזענ-ליכקייטען פון דער לאדזשער יודישער גע-זעלשאפט האט זיך געקליבען זונטאג 1 בייטאג פערזאמעלט אויפ'ן קאליששער וואקזאל צו געזעגענען זיך מיט הרב ד"ר שלום טרייסטמאן, וועלכער איז צוזאמען מיט זיין פאמיליע אוועקגעפאהרען קיין פינלאנד איבערצונעמען זיין הויכען אמט אלס אויבער ראבינער פון העלסינגפארס.

די יודישע קהלה פון דער פינלאנדי-שער הויפטשטאט האט געהאט בעשלא-סען, באלד נאכ'ן אונטערשרייבען דעם כתב הרבנות, פאר אחד נייעם אויבער-ראבינער צו קויפען און פוילישען אויסצוגאַרנירען און אויסצומעבלירען א פרעכטיגע וואוינונג. דאס האט געדינט א שטיק צייט און מחמת דעם איז אויפ-געהאלטען געווארען די רייזע פון ראַ-בינער ד"ר טרייסטמאן פון פינלאנד.

דער אפפאהר פון לאדז האט געטראגען א צאהל פערזענליכקייטען און געהאט געזעגענען זיך אויפ'ן וואקזאל. אוועקגעפאהרען איז ער פון לאדז מיט'ן באן פון וואר-שאַ. געזעגענען האבען זיך צום וואק-זאל, געזעגענען הרב ד"ר שלום טרייסט-מאן און איבערגעגעבען איהם די גרוסן פון געזעלשאפט און געוואונשען צו זיין ערפא-לגרייך.

אויף מער, פון אונזער זייט, ווינשען מיר דער געזעלשאפט-נאציאנאל וויסען אינזער הויך געשעצטען גאסט פון דעם לעבען אין ערפאלג אויף זיין נייעם לעבענס-וועג!

„ליטשניקעס" ווירקען

לאדז רעדט וואס אמאל אלץ ווייניגער.

צוליב'ן אנגעפיהרטען די „ליטשניקעס" פעשטגעשטעלטע אנגאנטשעטען צוזאמען מיט די רעקלאמען פאר יעדער אייך א חשבון פאר די אויסער לאדזער געגנט געשפרעכען און אקספרעס, נאָ-וועמבער און דעצעמבער.

ווי עס שטעלט זיך ארויס, האט זיך די צאהל אויסער לאקאלע געשפרעכע-נען און 2. קווארטאל שטארק פערקלע-נערט. דערבייט וועלען זיי און טרהעלע-גען מאל אויך פאר דעם טעלעפאל בעש צאהלען נרעסערע סומעס די אבאנע-מענן פון דרוקער און מיליטארן אויך מער קאמפאניעס. דער פראצענט צווי-שען, וואס האבען אויסער קאמיעניצער געשפרעכען מאכט אויס און לאדז נאר 15 פראצ. בעת און ווארשע מאכט די צאהל אויס 25 פראצ.

אויף וועלכע עקספעדיטארן

און פערקויפערס איז חל דאס פערזיכערונגס-געזעץ.

פארן מוחרסום איז איצט אקטועל די פראגע, צי אויך אויף פערקויפערס און געשעפטס-עקספעדיטארן, וואס בעזיצען נישט קיין ענטשפרעכענדע בילדונגס-צענזס איז חל דאס געזעץ וועגען פער-זיכערן די גייסטיגע ארבעטער.

דער ארטיקעל 3 פון דער פערארד-נונג וועגען פערזיכערן גייסטיגע אנגע-שטעלטע זאגט פאר, אז אלס אזעלכע ווערן בעטראכט יענע, וואס האבען געענדיגט 6 קלאסען רעגירונגס-גימנא-זיע, אדער א פראפעסיאנעלע מיטעל-שול, פארענדיגט א דערגענצונגס-שול און גלייכצייטיג דורכגעמאכט א געהעריגע פראקטיק. צוליב דעם, וואס זעהר א גרויסע צאהל פערקויפערס בעזיצען נישט דעם געהעריגען בילדונגס-צענז און קען אויסגעפיהרט פערארדנונג בנוגע אזעלכע גייסטיגע ארבעטער איז נאך נישט ערשינען, — הערשט אין די סוחי-רישע קרייזען א בעגרינדעטער צווייפעל צי מען דארף די דאזיגע אנגעשטעלטע פערזיכערן אלס גייסטיגע ארבעטער.

דער דאזיגער פאל ווערט אבער ענט-שיידט דורכן ארטיקעל 158, וועלכער זאגט, אז פערזאנען, וואס האבען לויט די פריהערדיגע פארארדנונגען געדארפט זיין פערזיכערט אין'ם לעבענסגע-פענסיע - אנשטאלט, מוזען אויך ווייטער פערזיכערט ווערן, הגם זיי בעזיצען נישט די אינגעשאפטען, וואס עס זעהט פאר דער ארטיקעל 3 פון דער פער-ארדנונג.

בנוגע דער פערזיכערונג פון די דער-מאנטע פערקויפערס און עקספעדיטארן ווערט אין דער נאהנטסטער צייט ערשיינען א פערארדנונג פון ארבייטס-מיניסטער.

„דער רוף פון ים".

צוליב'ן גרויסען ערפאלג פון יענעם פוילישען פילם „דער רוף פון ים" וועט די קינאמאטאגראף וועראן נאך א וואך און „אשטאריא". אין פילם שפי-לען די בעסטע פוילישע ארטיסטען, וואס פערשאפען דעם פובליקום צו'אכט'ן נחת רוח.

פערזיכערונגס-אנשטאלט.

(§) אין שייכות מיט'ן שאפען פון דער עמערזשער פערזיכערונגס געזעל-שאפט פאר די גייסטיגע ארבעטער, ווערען מיר מעלדן, אז דעם מוסלוגי-שער מאַל מען שוין איבערשיקען דורך דער פאסט קאסע נאך 16.600 פאר נישט מעלדען און דער פערזיכע-רונגס אנשטאלט די גייסטיגע ארבעטער פון'ן 1. פעברואר דארט נישט קיין שטראף.

איינ'ם פלאקער פון ליבעס-פייער.

יוהר פערשטעלונג אפגעלעגט.

און איזאדארא'ן האט דאס געארט די דער פאר-איאהריגער שניי. פונקט אזי זי וואלט געוועזן אויס'ן הימעל, נישט אויף דער ערד. האט זי זיך אליין גע-ברענגט אין דעם פלאקער פון ליבע און זיך איינגאנצען נישט אינטערעסירט מיט דעם. וואס עס וועט מארגען זיין.

צווי וואכען זענען אזוי אוועק. און דאן ער האט זי שפעטער ענדליך גע-בראכט א חיים, האט זיך איזאדארא'ס מוטער ארויפגעווארפען אויף איהם מיט כעס:

— לומפ, פערפיהרער! שוין ועלסט פערלאזען מיין קינד!

אבער גארדאן קריג האט זיך דער-צאר אויך נישט דערשראקען.

ער האט ווייטער פארטגעזעצט זיינע בעציהונגען מיט איזאדארא'ן; זיי האבען ביידע געלעבט צוזאמען און האבען זיך גערעדט, ווי די קליקלי-כעס מענשען אין דער וועלט, אבער דאס גליק האט לאנג נישט געקענט אנהאלטען. און די אירואך פון דעם איז געווען א גאנץ אייגענאכע — זיי זענען ביידע געווען קינדער...

קריג איז געווען שרעקליך פערליבט אין זיין קונסט און ער האט געהאט א טנע צו זאגען, אז קיין „גאט פער-ראמטע דאמע" וועט קיינמאל אין לעבען איהם נישט שטערן אין זיין ארבייט.

(ענדע פון זייט 4).

און איזאדארא איז געווען שרעקליך פערליבט אין איהר קונסט און זי האט ביי זיך אפגעמאכט, אז זי זאל די קינסט נישט איבערגעבען פאר קיין מאן, אפילו ווען זי זאל אין איהם זיין פערליבט ביז משוגעת.

האבען זיך אנגעהויבען אמאמענטען אין רעספעקטען צווישען זיי. ער האט צו איהר געזאגט אזא טענה:

— וואס רייסטו זיך אזוי צו דער ביהנע? וואס געהט דיר אזוי אין לעבען צו טאנצען פאר אן עולם און מאכען מיט די הענט פערשידענערליי תנו-עות?

איזאדארא'ן האט בעדרואקט, וואס ער רעדט וועגען איהר קונסט מיט אזא טאן פון חוזק. אבער זי האט זיך חי עס אין בעהערשט און שטיל גע-ענטפערט:

— וואס דען וואלסטו געוואלט זאל איך טון?

און קריג האט איהר דער יך גע-ענטפערט אזוי:

— איך וואלט געוואלט, דו זאלסט זיצען אין דער היים און זיך מאכען ניצ-ליך דערמיט, וואס דו וועסט פערשאפען מיינע בליישטיפטען...

און עס איז אויסגעקומען אזוי מאד-נע: פערליבט האט מען זיך אין איזא-דארא'ן דערפאר, וואס זי איז געווען א קינסטלעריו, און דערנאך האט מען פון איהר געפאדערט, אז זי זאל איהר קינסט אויפגעבען און זיך בעגנוגענען דערמיט, וואס זי וועט זיין די געליבטע פון א קינסט-לער.

דערצו האט זיך נאך אנגעהויבען א געשיכטע מיט אייפער-זוכט. איזאדארא האט קריג'ן צוזאמענגעפיהרט מיט דער בעריהמטער איטאליענישער אקטריסע, עלעאנארא דוזע, וואס האט ביי איהם בעשטעלט צו מאכען דעקאראציעס פאר איבסען'ס א פיעסע, און וועלכער זי, דוזע, האט נעוואלט אויפפירען. קריג איז געווארען בעגייסטערט מיט עטליכע אקטריסעס פון דער טרופע, און דאס האט ביי איזאדארא'ן ארויסגערופען א שרעקליכע אייפערזוכט.

„עס איז געקומען צו אזא מדרגה — דערצעהלט זי, — אז לעבען מיט איהם איז געווען אונמעגליך און לעבען אהן איהם איז אויך געווען אונמעגליך".

אין נאכדעם ווי זי האט פון איהם א קינד געבוירען, האט זיך מיט איהם געשיידעט, און — ווי געוועהנליך — אויפגעהאלטען איהר בעקאנטשאפט דערמיט, וואס זי האט זיך פערליבט אין אנדע-רען...

גאלד, בלוט און טרערען.

א ראמאן פול מערקווירדיגע איבער-לעבענישען און ליידענשאפטען.

(220-סטע פערזעצונג)

— ווארט א ביסעל, ליבער מאקס — האט נאגי געענטפערט מיט א שמיי-כעל — איך קען דאך נישט ענטפערן אויף אזוי פיל פראגען מיט א מאל.

— וואס מאכט עלווירא?

— זי איז געזונט און מונטער.

— קען איך געהן זי זעהן?

— היינט אין אוונט וועט די גרעפין פאן טאקי אייך ערווארטען — האט נאגי געענטפערט.

— דאן קלערט זי נאך פון מיר — האט מאקס אויסגערופען פון פרייד — זי האט איהם פערגעסען?

— איך קען עס אייך נישט זאגען פאר געוויס. איך ווייס נאר, אז מען ווארט אייך ערווארטען — האט נאגי געענטפערט.

מאקס איז געלאפען זיך אנטאן און זיך אויסצופוצן פאר אזא וויכטיגען וויזיט. נאגי מיט דער גרעפין זענען געבליבען אליין.

— זאג איהם, אז ער זאל זיין זעהר פארזיכטיג — האט נאגי געזאגט צו זיין פרוי — עלווירא וויל פון איהם נישט וויסען. זי ליבט ארטור'ן נאך מעהר ווי פריהער. מיר מוזען אבווארטען ביז ארטור וועט זיין טויט, דאן וועלען מיר ערשט קענען קלערען דערפון, אז זי זאל הייראטען מאקס'ן.

ער האט איהר ערקלערט, וואס זי זאל זאגען מאקס'ן און ווי אזוי זי זאל איהם לערנען, זיך אויפצופיהרען אין פאלאץ פון גראף טאראס.

די גרעפין איז געגאנגען אין מאקס צימער און געזעהן, ווי ער פוצט זיך צום וויזיט ביי דער גרעפין פאן טאקי.

— ליבער זוהן, דו געהסט צו דער גרעפין פאן טאקי. זיי פארזיכטיג! רעד מיט עלווירא'ן, דערמאן אבער נישט פון דיין ליבע. עס איז יעצט נישט די צייט צו רעדען דערפון.

— וואס רעדסטו, מוטער! עלווירא איז דאך מיין כלה!

— דאס איז גאנץ ריכטיג. דו דארפסט אבער נישט פערגעסען, אז דערווייל לעבט נאך ארטור. דו פערשטעהסט דאך אליין, מיין קינד, אז עלווירא איז אויפ-געוואקסען אין איהר אומגעבונג זעהר פערזיכטיג.

מאקס האט זיך פערטראכט. די הערצער פון זיין מוטער האבען געוויר קט אויף איהם.

— ליידער איז עס וואהר! — האט ער ענדליך געזאגט — ליידער ליבט זי מיך נישט! צוואס בין איך אלוא?

— דו האסט דאך געוואלט געהן, מיין זוהן.

— דו האסט דאך געוואלט געהן, מיין זוהן. נאגי האט שוין דארט געזאגט אז דו וועסט קומען. יעצט מוזטו שוין געהן. גריס די גרעפין פאן טאקי און זיי פריינדליך געגען גראף טאראס. ער איז דער גרעסטער מאן אין אונגארן.

אזוי ווי עס איז נאך געווען פריה איז די גרעפין געבליבען לעבען איהר זוהן. האט גערעדט מיט איהם און איהם אונטערגעהאלטען ביז עס איז געקומען די צייט צו געהן.

קאפיטעל 99.

בחיט טאג ווענען פערגאנגען זייט עלווירא געפינט זיך אין בודאפעשט. די שיקט עטליכע מאל אין טאג טרעגען, אויב ארטור איז שוין אנגעקומען. ער איז אבער נאך נישטא. דער קענואי געהט זעהר לאנגזאם. ער מוז זיך מעלדען אין יעדער שטאט ביז דער פאליציי. דאס נעמט צוביל צייט א וואך.

די גרעפין פאן טאקי האט אפילו אויפגעהערט צו רעדען מיט איהר פון מאקס'ן. זי האט אבער שוין מעהר נישט גערעדט פון ארטור'ן אויך. מיר האבען שוין דערצעהלט, אז זי האט געשיקט רופען דעם בארון נאגי און זיך מיט איהם בעראטען, וואס זיי זאלען טון, כדי איבערצוריידן עלווירא'ן, אז זי זאל פערגעסען ארטור'ן.

זי איז געווען פעסט איבערצייגט, אז ווען ארטור זאל אפילו בעקומען, אז ער איז אונשולדיג און מען זאל איהם בעפרייען, וועט די דאך נישט דערלאזען, אז ער זאל היייראטען עלווירא'ן. ארטור איז אלעגעמיין געוועזן א פערלוירענער מענש. עס ליגט שוין א פלעק אויף זיין נאמען. קיינער וועט מיט איהם מעהר נישט וועלען רעדען. ער הייסט שוין א פערברעכער. דערצו איז ער נאך זעהר אריים. זיין פערמעגען איז אין דער לעצטער צייט אינגאנצען רואינירט.

עס איז נאר וואס נאכט געווארען. עלווירא און איהר מוטער זיצען אין זימער צימער. יעדער איז פערטיפט אין איהרע געדאנקען. פלוצלונג איז ארענגע-קומען א דינער און בעמעלדעט:

— גראף מאקס פאן ראדעצקי!

עלווירא איז בלייך געווארען און אויפגעשפרונגען:

— מיין גאט! איך קען איהם יעצט נישט אויפנעמען.

די גרעפין פאן טאקי האט געמאכט א מינע, אז זי איז זעהר איבערראשט, וואס מאקס איז געקומען זי בעזוכען.

— עס העלפט אבער נישט, טאכטער! — האט זי געזאגט — מיר מוזען איהם אבער דאך אויפנעמען. די העפליכקייט פאדערט עס! מיר קענען נישט אפ-זאגען אזא מענשען. עס פאסט נישט.

מיט די דאזיגע ווערטער האט זי געגעבען די דינער א צייכען, ער זאל ארייןפיהרען דעם גראף פאן ראדעצקי.

אין א פאר מינוט ארום איז מאקס פאן ראדעצקי ארייגעקומען אין צימער. ער האט זיך העפליך פערנייגט פאר די דאמען און די גרעפין האט איהם געבע-טען ער זאל זיך זעצען נעבען איהר.

ווען ער האט א קוק-געטון אויף עלווירא'ן האט ער א ציטער-געטון און זיין געזיכט איז געווארען נאך בלייכער. אין די ערשטע עטליכע מינוט האט ער נישט געקענט ארויסרעדען א ווארט. ער האט זעהר גוט בעמערקט, ווי עלווירא האט זיך זעהר קאלט פערנויגט פאר איהם און האט ארויסגעלאזט דעם קאפ. זי האט נישט געקענט אדער נישט געוואלט איהם קוקען גלייך אין די אויגען.

די גרעפין האט גערעדט מיט איהם א פאר מינוטען. דאן האט זי געפונען פאר נויטיג ארויסצוגעהן און צו לאזען די יונגעלייט אליין. אפגיגע מינוטען האט מען בעזרך יונגעלייט געשוויגען. ענדליך האט זיך מאקס געמאכט הארץ און געזאגט.

— ליבע עלווירא — האט איהר שוין געווען קען פרייגדליכען בליק מען פריינדליך ווארט פאר מיר? מיר האבען זיך דאך אזוי לאנג צייט נישט געזעהן און יעצט, ווען מיר זעהען זיך ווידער נאך לאנגע, שווערע און טרויעריגע טעג האט איהר פאר מיר קיין אפען פריינדליך ווארט.

— וואס פערלאנגט איהר פון מיר, מיין הערר! — האט עלווירא בעשטימט. די דאזיגע קאלטע אנטווארט האט מאקס'ן גאר טיעף אויפגערעגט.

— וואס איך פערלאנג פון איך, עלווירא! — זיין פריינדליכער בליק מיר! איך האב איך נישט געזעהן אזא לאנגע צייט. איך האב געליטען אזוי פיל און אזוי שטארק, אז איך האב געמיינט, איך ווער וואהנזיניג און יעצט, ווען איך זעה אייך ווידער ווענט איהר קאלט, אומפריינדליך און טרויעריג.

(פארזעצונג קומט)

א בעריהמטער מאלער ווערט קראנק, ווייל זיין בילד ווערט נישט אנערקענט.

ער דערשיסט זיין דאקטאר און שטארבט אין משוגעים-הויז.

אין א פאריזער משוגעים-הויז איז די טעג פלוצלינג געשטארבען א בעריהמטער פראנצויזישער מאלער ראאול מארטין. מיט זיין טויט איז פארבונדען א שוידערליכע טראגע־דיע, וואס האט זיינער צייט ארויסגערופען א געוואלדיגען טומעל אין גאנץ פראנקרייך. אין זיינע יונגע יאהרען איז מארטין געווען זעהר אנגעזעהן אין דער פראנצויזישער קינסטלערישער וועלט. זיינע בילדער האבען ארויסגערופען א געוואלדיגע ענטציקונג צווישען די מאה־לער און מ'האט געלויבט אויף איהם גרויסע האפנונגען. מארטין האט זיך דאן גענומען צו שאפען גרויסע ווערק. ער האט געוואלט שאפען א נאטאלען, וועלכער זאל ארויספרופען אן איבערראשו־נג אין דער מאלעריי און איהם מאכן אונשטערבליך. יאהרעלאנג האט ער געארבייט איבער זיין „נאטאלען". קוי־נער, האט ער געזאגט, האט נאך ביז איהם נישט אויסגעפאסט ריכטיג „נאטא־לען", און ווירקליך איז זיין בילד „נא־טאלען" ארויסגעקומען גוט און ערגי־נאל. אבער די קינסטלערישע וועלט האט עס אויפגענומען קאלט. מ'האט אנ־ערקענט, אז ער האט פאלש איבערגע־געבען נאטאלען'ען און מ'בילד איז געבליבען נישט אנערקענט. די ענטוישונג האט שטארק געווירקט אויפ'ן קינסטלער און אין א שהנעם פריהמארגען איז ער געווארען טויב-שטום. זיינע פערוואנדטע האבען איהם דאן ארונטערגעבען אין א קליניק, וואו ער האט אנגעהויבען אויך ארויסצווייזען סימנים פון משוגעת. ער האט זיך בעקלאגט פאר די איבעריגע פאציענטען פון דאזיגען קליניק, אז דער דאקטאר, וואס בעדינט איהם וויל איהם מיט קיין נישט העלפען. ער וויל איהם האלטען ס'גאנצע לעבען אין קליניק, כדי בעמיהונגען אויסצוזוכען מאדערנע אז ער האט א פעות, אז דער דאקטאר בעמיהט זיך איהם צו העלפען פונקט ווי יעדען אנדערן קראנקען, האבען נישט געווירקט אויף איהם; ער האט זיך כסדר געטהלטען בייס מ'זמניגע, אז דער דאק־טער איז זיין דם שונא און פון טאג צו טאג איז זיין שנאה צו דאקטאר געוואק־סען. איינמאל ווען דער דאקטאר איז איהם צוגעגאנגען אונטערזוכען, האט ער געכאפט א רעוואלווער און געשאסען אין איהם צוויי מאל, פון וואס ער איז געפאלען א טויטער אויפ'ן ערד.

מארטין איז געשטעלט געווארען פארן געריכט ווי יעדער געוועהנליכער מער־דער. דאס געריכט האט אבער אנער־קענט, אז מארטין איז א גייסטיג קראנ־קער און מ'האט איהם אפגעשיקט אין בלוכה'שען משוגעים-הויז, וואו ער האט פערברענגט א רייה יאהרען.

אין משך פון דער דאזיגער צייט האט מארטין אבער נישט אויפגעהערט צו מאהלען בילדער אין משוגעים-הויז. אין מיטען דער ארבייט פון א נייעם און גרויס בילד איז ער פלוצלינג געשטארבען.

אונזערע קאמף-השגות

(קנדע פון זייט 5).

ציוניזם און צו אלץ, וואס וועגט געווען אין פאלעסטינא.

און די יודישע קאטעדרע ווי זי איז איצט קאנסטיטירט געווארען פון ד"ר מאגנעס איז דאך בעצם א כשר'ע בעבריי־אישע קאטעדרע.

און עס איז מערט נוטיג איצט א קאמפעטענטע פארשונג - שטעלע פאר יודיש:

די לעצטע צייט איז בא אונז אויס־געבראכען מעש אן עפידעמיע פון יי־דיש-פארשונג, אלע האבען זיך א ווארף געטאן אויף דער פארשונג, ווער עס איז בעשאפען, פאר דעם און ווער עס איז נישט בעשאפען פאר דעם, דער, וואס איז מסוגל צו פארשונג און דער, וואס איז נישט מסוגל.

ערשטענס וויסענשאפטליכע פארשונג דארפען מיר איצט פארפלייצט מיט די־לעטאנטישע, לעכטזיניגע און איבער־פלעכליכע פארשונגען.

דארף מען האבען ערגעץ-וואו א צענ־טער, וואס זאל אונז פערהיטען פון פאר־שונגס-פסולת און פון פארשונגס-שמרוי.

איז איינעם איינגעפאלען א גליקליכע אידעע צו שאפען אויף זיינע מיטלען אזא וויסענשאפטליכען ווינקעל פאר יודי־שער פארשונג.

יעדער אוניווערזיטעט וואלט מסכים געווען צו שאפען ביי זיך אזא קאטעדרע. וואס דער יוד, וואס האט זיך אונ־טערגענומען צו אויסהאלטען די קא־טעדרע, א בעזונדערן ווש און ער איז געגאנגען צו דעם יודישען אוניווער־זיטעט.

וואס זיין א יודישע קאטעדרע מיט העברעאיש „עברים", אבער מחלוקת ווערט מסתמא זיין. מחלוקת, וואס איז גרעסער און וויכטיגער פון דער שטילער, געבענטשטער קאטעדרע.

א חנוך ספר תורה אין בית מחסה לזקנים.

אנ'אידעלער מאמענט פון א היגען בעל-הבית.

דאס פאר פאלק (הערמאן) צבי און רחל טואט האבען געלאזט שרייבען א ספר תורה און עס אוועקגעשענקט אלס מתנה דעם בית מחסה לזקנים. הייגע־נען זאנטאג איז געווען דער חנוך הספר־תורה אין זאלאגאס-זאל פון זקנים-הויז, דארט האבען זיי פארזאמעלט קרובים און פריינד, פראהע האבען געזונגען יריעות און סופר האט געשריבען אותיות, און רבנים האבען געגעבען שטארק געלד, וואס א גרויסע גלוסט האבען געטאן לטובת דעם בית מחסה לזקנים און די צוויי אפצושלאגן לטובת דעם יתומים-הויז און „מושב-זקנים".

שפעטער איז געווען צו זעהן ווי די מנדבים האבען זיך משמח געווען און געהערט אפגערעגט. די געסט, זיי גע־טאנצט לשמחה מיט ווין נאך יעדער מצוה, דאן אונטער דער חופה געפיהרט דאס נייע ספר און דער טייער שוהל פון בית מחסה לזקנים. די זקנים זענען ענט־קעגענגעקומען מיט די אלטע ספרים און די ווייסע יום-טוב-טאלעסן בעשפריצט אין דער זאל ה' אלטערמאן מיט זיין באר האבען געזונגען שטילע קאפיטלעך תהילים און געענדיגט מיט התקוות.

עטליכע פערזענליכקייטען האבען גע־רעדט און ווארעם דערמאנט די בעלי שמחות און זיי געדאנקט פאר דער שיינער מתנה.

פאר די זקנים און זקנות האבען די שטענדיגע געשפראכען א שיינעם טאג. די אלטע לייט האבען זיך דער־פרייט און דערמאנט זייער יוגנט און שטארק מיט די נייע פרויען געזונגען זמירות.

מיר דאנקען עפענטליך די מנדבים און ווינשען זיי אריכות ימים און כל טוב. די אידעאלע מאטעריעלע געלט־מיטלען פאר אנדערע פעלי-בתים און גבירים, מיר קענען נישט פארגעסען מאכטיגע-בעלער און צוטשרייבען פרינצי־פיעלן. מיר שטעלען און רשות פון פובליקום די נייע שוהל, וואו מ'קען מא־כען חתונות אזוי ווי אונזערע אבות אבותינו האבען זיך געפיהרט (די תפלה און שוהל), ווי אויך חנוך הספר תורה, דאס פונדט צבער נישט די בעלי שמחות ווי זאלען מיט מאכען מאלצייטען פאר די זקנים, צרעה שפענדען די ספר תורה פאר'ן בית מחסה לזקנים.

מיר לאזען זיך מיט די קלענסטע שפענ־דען בעגנוגען, אבי מיר זאלען קענען אויספערטיגען דעם נייעם בנין, אויף וועלכען עס ווארטען אזוי פיל בכבוד'ע זקנים און זקנות אין זיי אויסהאלטען בכבוד גדול אזוי ווי די תורה הקדושה האט אונז געבאטען, והדרת את פני הזקן.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג

ב. א. גליקסמאן.

ZAKŁAD ŚLUSARSKO-MECHANICZNY
F. MOTYL Majster cechowy
Łódź, Zawadzka 19, Tel. 55-42
Firma egz. od r. 1895:
אויספערטיגונג פון זעמטליכע שלאסער און מעכאנישע אויסאר־בייטונג, זאמי פרעסען און מארמיר-אמודען, צענטריפוגען און פערבער - קעסעל. ווי אויך זעמטליכע מאשין - רעפאראטורען.
ספעציאליטעט:
אויטאגענישע שווייסונג אויך שניידונג פאר אלע מעטאלען מיט גאראנטיע

מתקבלת החתימה על
דבר
עתון פועלי ארץ ישראל
תנאי החתימה:
לשנה 13 דולרים.
לחצי שנה 7 דולרים.
לרבע שנה 4 דולרים.
המו"ל:
„חברת העובדים באי"
העורך: ב. כצנלסון.
„DAVAR" Palestine Labour Daily
Tel-Aviv, Palestine. P. O. B. 199 המען: תל־אביב, ת.ד. 199
„דבר" הוא עתון מדיני וספרותי, אינפורמטיבי והוכי, בלתי תלוי בשום מוסד ומפלגה, ושוקד על מפעלו של צבור הפועלים בארץ־ישראל.
בכל יום ששי מצורף לעתון מוסף ספרותי.
גליון לדוגמא נשלח חנם לכל דורש.
הזדמנות יוצאת מן הכלל למודעות!
„דבר" נקרא בכל נקודות הארץ ונפוץ בכל חלקי התבל!
הסניף הלודזאי: י. גולדין, פולודניובה 23.

אלע יודען מוזען וויסען.
אז איצט לאנגיעהריגען בעסטרענאמירטען רעכטס-קאנסולטאנטען-ביורא „ארגוס", זאכאדניא 36
פראגע, פארטעטר, הערען געשריבען און בעזארגט:
1) קלויזולעס און זאבעזפיעטשעניעס אויף וועקסלען;
2) פעסטענסען אויפ'ן יאהר 1928;
3) קלאגען אויף פאר-מלחמה'דיגע וועקסלען;
4) אלערליי שטייער- און אנדערע ענינים;
5) אלערליי איבערזעצונגען.
א ספעציעלע אבטיילונג פאר אטנעמיהרען, ווייטער-פיהרען און אבשליסען האנדעלס-ביכער און פאר צוזאמענשטעלען פון בילאנסען פארן יאהר 1927.
בעם.: וועגען אלע מיליטער-ענינים אינפארמירט און שרייבט א לאנג-יעהריגער רעזערווער מיליטער-געריכטס-סעקרעטאר טעגליך צווישען 5 און 7½ נאכמיטאג.

- אלע יודען -
ערלעדיגען זייער רעכטס-קאנסולטאנטען-ארבייטען אינם לאנגיעהריגען קאמפעטענטען-ביורא
זינגער, זאכאדניא 36
פראגע, פארטער.

וויכטיג פאר בעל-שמחות
איך גיב אויף אבנוץ
געפעסער, גאפעל, לעפעל, מעסער
חינער שטיהל א. אז. וו.
עכט כשר! צו ביליגע פרייזען!
מיט אכטונג פרידוואלד, פאלודניאווא 10
בעמערקונג: דער זאל ווערט אויך אבגעגעבען אויף חתונות.

ווענדונג צו די ה"ה מחותנים
פון די בעהאוסטע
מוזיק-קינסטלער געבר. טויבע
דערמיט האבען מיר דעם כבוד די געעהרטע מחותנים און בעלי-שמחות נפשל. מיטצוטיילען, אז צוליב דעם, וואס מיר ווערען נישט צו דער געהעריגער צייט פון די מחותנים געוואויר וועגען אייערע אלע שמחות און חתונות און דורך דעם פאסירט גאנץ אפט, אז די בעלי-שמחות פיהלען זיך בעליידיגט, וואס מיר קומען נישט צו דער פינקטליכער צייט. דעריבער בעטען מיר אלע מחותנים אונז צו לאזען וויסען בעגוי די ערבינגען, כדי צו קענען ווי גע־הערט צופרידענשטעלען די בעלי-שמחות.
גלייכצייטיג ערלויבען מיר זיך אויפמערקזאם צו מאכען די נעעהרטע ה"ה מחותנים, אז מיר נעהמען ביי קיין פאל נישט צו קיין שום פארהאנדלונגען, וואס קענען זיין פארבונדען חלילה מיט חילול השבת. דעריבער האפען מיר, אז מיר פערדינען דעם פולען צוטרוי פון די ג' בעלי-שמחות. מיט אכטונג
מוזיק-סינסמלער געבר. טויבע.
אנמעלדונגען נעהמען אויף:
ס. טויבע, נאוואָ-צעגעלניאנא 22
ע. טויבע, וואכאדניע 18
י. טויבע, אלעע 1. מאי 18.
בעם.: מעסיגע פרייזען! פאר אונבעמיטעלטע—אויסנאהמס-פרייזען!

נייעס פאר לאדז! נייעס פאר לאדז!
בעקאנטמאכונג !!!
דערמיט מאכען מיר בעקאנט, דאס די פעראייניגטע קאלעגיום פון פאטאגראפען-אנגעשטעלטע האט דערעפענט א ספעצ. ווערקשטעל פון
פערגרעסערונגס-בילדער,
דער, וואס בעזיצט א פאטאגראף, מעג עס זיין אפילו ווי אלט און צושאגדען, ווערט אויסגעפיהרט א ארגינעל פארטרעט רעטו־שירט די גרויס 35x45 צום ביליגען פרייז
נאר פאר 8 זל. א שטיק.
אום צו בעקענען אונזער ארבייט, מא־כען מיר א פראבע-פארטרעט, פון די זעלביגע גרויס און צום פרייז
נאר פאר 3 זל. א שטיק.
עס ווערען אויך אנגענומען אלערליי אויפ־נאהמען אין דער שטאט, וועלכע עס געמט נאר ארויס דער פאטאגראפען-אומפאנג.
קומט און איבערצייגט אייך!
פעראייניגטעס קאלעגיום פון פאטאגראפען-אנגעשטעלטע
לאדז, קאנסטאנטינער № 33,
פראנט צווייטען שטאק.
בעם.: די אנשטאלט איז טעטיג טעגליך פון 9 ביז 7 אוונט.
בילינ, העל און פיין-פארטרעט!

א שומר
מיט גוטע רעקאמענדאציעס זוכט א פאסטען צו היטען צו פראפארען אין שט. פון „לאדזשער טאגעבל."
נאך צום גלאנצען (איינצוגנעהר)
אין בעסטער אויספיהרונג צו קאנקורענץ-פרייזען ווערט אנגענומען. צו פראגען בים הויז-הירש 6-טער שטרייט (בעגעריקטס) 43. 449

פאר 3 זל. ליכט אין שטוב עלעקטרישע
קען יעדער בעקומען אויסצוצאה־לען וועכענטליך פאר יעדען פ.
פ. לעוויז,
קאנסטאנטינער 58,
פראנט-נעוועלב.
בעם.: עלעקטרישע לאמפען און גאז-פאטעקס מיט 25% ביליגער פון צענגיק.
קאנצעסירט דורך דער לאדזשער עלעקטראוניע.

Dr. Justman
צוריקגעקעהרט
זיעלאנא 17.

וויכטיג פאר דאמען!
מאכט אייך די פלעקען אוסטע דאמען-היטע נאך דער לעצטער פאריזער מאדע פון די פאמאסטע היטען שטאפ. ארבייטעט אייך אויף בעגאלטע. נס. נערענקס די פרייס!
28 זאוואדזקי 28
2.50 זל.
אין הויף, 2-טען שטאק, לינקס פארשטער.
בעם. מאכט איך שיפאן-וועלור- סא־מעט- און פילץ-היטע אין אלע פארבען און פארבען אין פאנסטער אויסגעפיהרונג. דער פרייז איז נאר אויף 8 קורצער צייט.
„TOBA"
נאר פאר 7 זל.

Dr Feliks Bornstein
Cegielniana 4
טעלעפאן 84-90.
ספעציאליטעט: אקושער און פרויען-קראנק
נעמט אן פון 3—6 נאכמיטאג.

Dr H. Spira-Bornsteinowa
Cegielniana 4
טעלעפאן 84-90.
ספעציאליטעט: אקושער און פרויען-קראנק
נעמט אן פון 3—6 נאכמיטאג.

פיין-פיין שפראך
ווירד ערלערנט גרינדליך דורך א קורצער צייט
צו ערפאהרען וואכאדניא 20 וו. 3.

עס ווערט געזוכט
א יונגערמאן
וועלכער איז בעקאנט מיט סוחרים פון דער טעקסטיל-בראנזשע. אפערטען אין רעדאקציע פאר „L. 89".

די סוחרים
וואס האבען פארעטסטען פון
ש. מאי פון רופין
ווערען געבעטען צו קומען אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו א. ליפקע, נאוואמיעסקא 21.

עלטסטער פעלדשער
מ. ראזענצווייג
זאכאדניא 29. — געוועזענער מיליטערישער פעלדשער אין פאזנאנסקי'ס שפיטאל
איז צוריקגעקעהרט.

אויפאדערונג.
דערמיט פאדער איך אויף ה' שלום באוואראזאסקי צום דריטען מאל צו דער ר"ת, וואס קומט פאר ביים הרב סעגאל, פאלוד־ניאוואַ 25, היינט 6 א זייגער אוונט.
אויב ה' שלום שווארצאווסקי וועט זיך נישט בעשטעלען, וועל איך דעם ענין איבערגעבען דער פראקוראטור פאר אויספיהרען נישט דערלויבטע פאכינאציעס.
ש. כימראנכמא שענקעוויטשא 37.

אויפמערקזאם!
אלע, וואס קענען די לאדזשער כלה, וואס האט א חתן פון סלאוואטיטש א רב, זאלען זיך מעלדען הענען זיך א וויכטיגען ענין קאנסטאנ־טינער 33 ש. מאלאמוט.

אי"כם אישים אקרא
וקולי אל בני אדם!
בצדק כל אמרי פי ואין בהם
נפתל ועקש.
אויב איהר ווילט ערלעדיגען אייערע אנגע־לעגענהייטען ענינים זאלסטו קומען צו לויפען אין דעם ביורא
17 פעטריקאווער 17
2-טען הויף, פארטער, דורכגאנג זאכאד־ניא 32, וואו ס'ווערט ערלעדיגט און גע־שריבען אלערליי ביטעס לויט אוסטאח, קלאוזולעס און זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, קאסאציעס, אדוואלאניעס, רעקורסען וועגען פעסער אין קאמיסאריאט-רזשאנדו, ביטעס וועגען דירה אין אורזשאנד-ראזיעס, כשי און אין אלע פאליצי - בעצירקען, שותפות-אקטען, סטאטוטען, אפ־מאן-אינטערעסען, אקטען דא־ראוויזנעס, כאראגע פראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען.
רעכטס-קאנסולטאנט י. מאנעלא
פעטריקאווער 17, זאכאדניא 52

אפאנעמענט-פרייז: פאר לאדז מיט צושטעלען אינ'ס הויז 3 זלאטע ... פאר אויסלאנד ... אנאנסען-פרייז: עטר ... מ"מ ... פערלעגט ... קלאגען ... 16 גר. ... 24 גר. ... 40 גר. ... 60 גר. ... 12 גר. ... 18.
Redaktor wydawca H. Hamburski
Tłocznia: B. i M. Hamburski w Łodzi. Piotrkowska 2.